די יידיש-ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס יעדן שבת צווישן 5-3 אין באָומאָנט-האַל, באָומאָנט גראָוו, מײַלענד, איסט-ענד.

סעם גאָלדבערג וואָרט-קאָנצערט „לאָך-ישראל-לאָך" מיט אָנטייל פון זינגער-סטאַרס קומט פאָר דעם 25׳סטן נאָוועמבער 7.30 אין קווינס-האַל, וועסט ענד.

---

יידישער וועלט-קאָנגרעס (יידישער קאָמיטעט) און פאַריין פון יידישע זשורנאַליסטן

---

פ א ר ז א מ ל ו נ ג

זונטיק, דעם 7-טן נאָוועמבער, 1976, פּונקט 3 א זייגער

אין

21 DEAN STREET, LONDON, W.1

1

י ז כ ו ר

ד״ר מאיר גערטנער ז״ל — א. נ. שטענצל

הרב ל. נ. בוים: אזכרה

2

די וועלט-קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר יידיש

רעדנער:

באַריכטן פון די דעלעגאַטן ד״ר ל. הירשאָוויץ און מ. לעדערמאַן

פראַגן

פאָרזיצער: יוסף פרענקעל

---

אײַנטריט פרײַ — קומט אין צײַט



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

לאָנדאָן — 1977 נאָוועמבער-יאַנואַר — 38׳סטער יאַרגאַנג — 453-55

אינהאַלט

העך אייביקער ייד ביי דער כותל א.א. ••• 3
זאַנגוויל אין יידיש ...... יוסף לעפטוויטש 12
מענדעלע מוכר־ספרים ...... יוסף ווײַנשטיין 17
אברהם רייזין ...... משה דאַמב 21
און דאָס איז נישט קיין חלום (ליד) ...... פסח צפנת 22
רחל מבכה על בניה (ליד) ...... הערי פאַצאַנאָווסקי 23
דריי הונדערט יאָר (ליד) ...... דוד זיידענפעלד 24
ווײַטשעפּל ווען כ׳בין געקומען און לידער ...... א. נ. שטענצל 24
א שונא (דערציילונג) ...... בריאַן גלאַזגאָויל 37
קינסטלערישער רעפּערטואַר ...... סעם גאָלדבערג 41
זכרונות ...... אסתר ערליכמאַן 44
צעזייט און צעשפּרייט ...... נ. רובין 45
א קאָנצער לאָך ישראל לאָך ...... אייזיק גאָלדבערג 48
למנצח על השמינית שבשמינית מזמור, א. נ. שטענצל
א שטעקעלע אַריין א שטעקעלע אַרויס ...... ש. 49
און א ממלא מקום (צום טויט פון סעם לעוו) ...... מאיר באָגדאַנסקי 60
ביי דער מצבה־שטעלן נאָך ה. נ. בענקוויטש ...... אייזיק גאָלדבערג 62
שלום איף דער וועלט (ליד) ...... דוד בערמאַן 63
מוזיק מאיר באָגדאַנסקי 64
לאָנדאָנער קולטור ידיעות

רעדאַגירט א. נ. שטענצל
פּרייז 15 פּענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס 3 אזייגער באָומאָנטס גראָוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

די פאריזער ליטעראטור־פרעמיע א. נ. פון עסקן זכריה גענאפאלסקי ע״ה איז צוגעטיילט געווארן פארן יאר 1976 דעם שרייבער יעקב מייטלים (לאנדאן) און דיכטער הירש אשעראוויטש (ישראל).

די יידישע שרייבער אין לאנדאן זיינען זיך צונויפגעקומען אין הויז פון דר. מייטלים צו א „לחיים״. עס האבן גערעדט: פראפעסאר שמעון אבראמסקי, לעסלי בער, יוסף הערמאן, יוסף לעפטוויטש, דר. ש. לעווענבערג, יצחק נאטאני, דוד קאץ, י. ח. קלינגער, א. נ. שטענצל און דער בעל שמחה דר יעקב מייטלים.

אין יידישן „קעסטל־אוונט״ אין דין סטר. איינגעארדנט פון שרייבער פעראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס האבן געענטפערט אויף די שאלות: הרב ל. באום, י. א ליסקי, יצחק נאטאני, דוד קאץ, פארזיצער יוסף פרענקעל.

דאס „יידישע קולטור־ווינקל״ פארבעט אויף א פייערלעכן ליטעראַרישן קינסטלערישן נאכמיטאג״—זונטיק דעם 6׳סטן פעברואר, א זייגער 8 אין קארא־האטעל וואבורן פלייס.—שלום אש־אוונט. ס׳באטייליקן דר ש. לעווענבערג, יוסף לעפטוויטש, דר״ יעקב מייטלים, לעזלי באר אין דער באקאנטער אקטיאר יוליאן גאלד. פארזיץ: י. ח קלינגער.

ביים זשורנאליסטן־קאנפערענץ אין ירושלים האט י׳ סף פרענקעל געקריגן דעם גאלדענעם מעדאל ווי איינער פון די גרינדער פונם וועלט־פערבאנד פון די יידישע זשורנאליסטן.

אים זשורנאליסטן קאנפערענץ אין ירושלים האבן זיך באטייליקט ווי דעלעגאטן פון יידישן שרייבער פאראיין אין לאנדאן י. א. ליסקי, יוסף פרענקעל און דוד קאץ.

דער לאנדאנער פאעט דוד זיידענפעלד איז פערגאנגענעם חודש געשטארבן אלט זייענדיק 82 יאר. עס האט אים מספיד געווען א. נ שטענצל. ביי די שבת נאכמיטאגס האט מען געליינט פון דעם נפטרס לידער. אונזער טיפן מיטלייד צו זיין ליבע פרוי, די געבליבענע אלמנה.

ביי דער מצבה־שטעלן פון אודל רעגן די פרוי פון אונזער פריינט חבר רעגן האט זיך ווי א שליח פון די יידישע שבת נאכמיטאגס באטייליקט דוד בערמאן.

ביי דער מצבה־שטעלן פון ח. ז בענקוויטש האט גערעדט אייזיק גאלדבערג.

דער אגודה־זשורנאליסט נחום שטענצל נאך לאנגע יארן שווערער קראנקהייט איז געשטארבן. עס האט אים מספיד געווען דער דיין פון עדת־ישראל הג׳ דיין שלמה בוימגארטן.

דער גוט־באקאנטער ווייטשעפלער חזן מר. סמוס, מיט גרויסן חוש פאר יידישע מוזיק און יידישן פאלקס־ליד איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

די פיר שבתים אין יאנואר חודש, ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס זיינען געווידמעט געווען דעם מענדעלע מוכר ספרים, צו דער 60׳סטער יארצייט פון אונזער גרויסן קלאסיקער. י א. ליסקי, אין זיין רעדע, מאכט פארשלאג: אויפצובויען א מענדעלע הויז אין ישראל.

די לאנג־דערווארטעטע פארש־ארבעט פון דר. יעקב י. מייטלים אין העברעאיש, אויפן געביט פון דער אלט־יידישער ליטעראטור, דער כתב־יד „פרקים״, א מדרש אין יידיש צו די פרקי־אבות, גייט איצט ארויס אין דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע אין ירושלים.

דעם 26׳סטן יאנואר האט א. נ. שטענצל גערעדט איבער מאמע לשון יידיש אין „ליג אף דזשואיש־וומען־סאסייעטי״.

שבת פאר חמשה עשר בשבט האט מען גערעדט ביי די יידיש־ליטעראריש־שבת נאכמיטאגס, אמאל אין ארץ ישראל און אין דער היים אין די יידישע שטעטלעך. עס האבן זיך באטייליקט מיט לייענען און זינגען: אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, אסתר ערליכמאן, רות באכנער, סעם גאלדבערג און מאיר באגדאנסקי.

דער שרייבער און זשורנאליסט קאמיל האניק איז געשטארבן, יוסף לעפטוויטש האט אים מספיד געווען. די תפילות האט געזאגט הרב בוים. אונזער טיפן מיטלייד מיט די פרוי, קינדער און אייניקלעך.

יידישער לייען־קרייז פאר יוגנט טרעפט זיך יעדן זונטיק 3 אזייגער. אויף מער אינפארמאציע שרייבט: ר. חייט, 31 הארנטאן סטריט. אנגעפירט פון ר. חייט, דוד דזשאנאגלי און דוד קאץ.

יעדן מאנטיק 6.30 אין אוונט אין הלל הויז, 1 ענדזלי סטריט לעבן יוסטאן־סטאנציע ווערט געפירט א קלאס פון יידיש פאר אנהייבער אנגעפירט פון הרב ל. נ. בוים און דוד קאץ.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

453־55 38׳סטער יארגאנג נאוועמבער־יאנואר 1977 לאנדאן

## דער אייביקער ייד ביי דער כותל

גאנצן גלגל־הארץ
א גילגול ארומגעשפאנט,
ביזגל קריקגעקומען
צו זיין אייגן שטיקל לאנד.

ער באטאפט זי, דערקענט זי,
דאס איז דאך די מערב־וואנט — —
פון מידקייט און פון גרויס פרייד,
שיער נישט אראפ פון פארשטאנד.

איז ער געבליבן שטיין ביי
איר ביז ער האט זיך דערטראכט:
דערטאפט זיך נישט א בלינדער
ביי וואנט אין זיין חשכות־נאכט?

שלאגט מען נישט קאפ אין וואנט זיך
ווען לעצטע טיר שוין פארמאכט?
פון זיין שיער מען גייט אראפ,
פון זיך אליין אויסגעלאכט.

ער קושט זי, באגלעט זי, האלזט זי,
יעטוועדן שטיין ער דערקענט —
יידיש קינד יעדער איינער,
ווי אין די מצרים ווענט.

א לעבעדיקס, ווי ס׳צאפלט,
מיט פיסעלעך און מיט הענט —
ס׳איז זיינס, זיין פלייש און זיין בלוט,
זיין אייגנס — ער האט׳ס דערקענט!

די פאריזער ליטעראטור־פרעמיע א. נ. פון עסקן זכריה גענאפאלסקי ע״ה איז צוגעטיילט געווארן פארן יאר 1976 דעם שרייבער יעקב מייטליס (לאנדאן) און דיכטער הירש אשעראוויטש (ישראל).

די יידישע שרייבער אין לאנדאן זיינען זיך צונויפגעקומען אין הויז פון דר. מייטליס צו א „לחיים". עס האבן גערעדט: פראפעסאר שמעון אבראמסקי, לעסלי בער, יוסף הערמאן, יוסף לעפטוויטש, דר. ש. לעווענבערג, יצחק נאטאני, דוד קאץ, י. ח. קלינגער, א. נ. שטענצל און דער בעל שמחה דר יעקב מייטליס.

אין יידישן „קעסטל־אוונט" אין דין סטר. איינגעארדנט פון שרייבער פאראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס האבן געענטפערט אויף די שאלות: הרב ל. באום, י. א ליסקי, יצחק נאטאני, דוד קאץ, פארזיצער יוסף פרענקעל.

דאס „יידישע קולטור־ווינקל" פארבעט אויף א פייערלעכן ליטעראַרישן קינסטלערישן נאכמיטאג"—זונטיק דעם 6׳סטן פעברואר, א זייגער 8 אין קארא־האטעל וואבורן פליים.—שלום אש־אוונט. ס׳באטייליקן דר ש. לעווענבערג, יוסף לעפטוויטש, דר" יעקב מייטליס, לעזלי באר און דער באקאנטער אקטיאר יוליאן גאלד. פארזיץ: י. ח קלינגער.

ביים זשורנאליסטן־קאנפערענץ אין ירושלים האט יו סף פרענקעל געקריגן דעם גאלדענעם מעדאל ווי איינער פון די גרינדער פונם וועלט־פערבאנד פון די יידישע זשורנאליסטן.

אים זשורנאליסטן קאנפערענץ אין ירושלים האבן זיך באטייליקט ווי דעלעגאטן פון יידישן שרייבער פאראיין אין לאנדאן י. א. ליסקי, יוסף פרענקעל און דוד קאץ.

דער לאנדאנער פאעט דוד ווידענפעלד איז פערגאנגענעם חודש געשטארבן אלט זייענדיק 82 יאר. עס האט אים מספיד געווען א. נ שטענצל. ביי די שבת נאכמיטאגס האט מען געליינט פון דעם נפטרס לידער. אונזער טיפן מיטלייד צו זיין ליבע פרוי, די געבליבענע אלמנה.

ביי דער מצבה־שטעלן פון אודל רעגן די פרוי פון אונזער פריינט חבר רעגן האט זיך ווי א שליח פון די יידישע שבת נאכמיטאגס באטייליקט דוד בערמאן.

ביי דער מצבה־שטעלן פון ח. ז בענקוויטש האט גערעדט אייזיק גאלדבערג.

דער אגודה־זשורנאליסט נחום שטענצל נאך לאנגע יארן שווערער קראנקהייט איז געשטארבן. עס האט אים מספיד געווען דער דיין פון עדת־ישראל הג׳ דיין שלמה בוימגארטן.

דער גוט־באקאנטער ווייטשעפלער חזן מר. סמוס, מיט גרויסן חוש פאר יידישע מוזיק און יידישן פאלקס־ליד איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

די פיר שבתים אין יאנואר חודש, ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס זיינען געווידמעט געווען דעם מענדעלע מוכר ספרים, צו דער 60׳סטער יארצייט פון אונזער גרויסן קלאסיקער. י א. ליסקי, אין זיין רעדע, מאכט פארשלאג: אויפצובויען א מענדעלע הויז אין ישראל.

די לאנג־דערווארטעטע פארש־ארבעט פון דר. יעקב י. מייטליס אין העבראַיש, אויפן געביט פון דער אלט־יידישער ליטעראַטור, דער כתב־יד „פרקים", א מדרש אין יידיש צו די פרקי־אבות, גייט איצט ארויס אין דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע אין ירושלים.

דעם 26׳סטן יאנואר האט א. נ. שטענצל גערעדט איבער מאמע לשון יידיש אין „ליג אף דזשואיש־וומען־סאסייעטי".

שבת פאר חמשה עשר בשבט האט מען גערעדט ביי די יידיש־ליטעראַריש־שבת נאכמיטאגס, אמאל אין ארץ ישראל און אין דער היים אין די יידישע שטעטלעך. עס האבן זיך באטייליקט מיט לייענען און זינגען: אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, אסתר ערליכמאן, רות באכנער, סעם גאלדבערג און מאיר באגדאנסקי.

דער שרייבער און זשורנאליסט קאמיל האניק איז געשטארבן, יוסף לעפטוויטש האט אים מספיד געווען. די תפילות האט געזאגט הרב בוים. אונזער טיפן מיטלייד מיט די פרוי, קינדער און אייניקלעך.

יידישער לייען־קרייז פאר יוגנט טרעפט זיך יעדן זונטיק 3 אזייגער. אויף מער אינפארמאציע שרייבט: ר. חייט, 31 הארנטאן סטריט. אנגעפירט פון ר. חייט, דוד דזשאנאגלי און דוד קאץ.

יעדן מאנטיק 6.30 אין אוונט אין הלל הויז, 1 ענדזלי סטריט לעבן יוסטאן־סטאנציע ווערט געפירט א קלאס פון יידיש פאר אנהייבער אנגעפירט פון הרב ל. נ. בוים און דוד קאץ.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

453־55 | 38׳סטער יארגאנג | נאוועמבער־יאנואר 1977 | לאנדאן

## דער אייביקער ייד ביי דער כותל

גאנצן גלגל־הארץ
א גילגול ארומגעשפאנט,
ביזגל קריקגעקומען
צו זיין אייגן שטיקל לאנד.

ער באטאפט זי, דערקענט זי,
דאס איז דאך די מערב־וואנט — —
פון מידקייט און פון גרויס פרייד,
שיער נישט אראפ פון פארשטאנד.

איז ער געבליבן שטיין ביי
איר ביז ער האט זיך דערטראכט:
דערטאפט זיך נישט א בלינדער
ביי וואנט אין זיין חשכות־נאכט?

שלאגט מען נישט קאפ אין וואנט זיך
ווען לעצטע טיר שוין פארמאכט?
פון זין שיער מען גייט אראפ,
פון זיך אליין אויסגעלאכט.

ער קושט זי, באגלעט זי, האלזט זי,
יעטוועדן שטיין ער דערקענט —
יידיש קינד יעדער איינער,
ווי אין די מצרים ווענט.

א לעבעדיקס, ווי ס׳צאפלט,
מיט פיסעלעך און מיט הענט —
ס׳איז זיינס, זיין פלייש און זיין בלוט,
זיין אייגנס — ער האט׳ס דערקענט!

# לאנדאנער קולטור ידיעות

די פאריזער ליטעראטור־פרעמיע א. נ. פון עסקן זכריה גענאפאלסקי ע"ה איז צוגעטיילט געווארן פארן יאר 1976 דעם שרייבער יעקב מייטליס (לאנדאן) און דיכטער הירש אשעראוויטש (ישראל).

די יידישע שרייבער אין לאנדאן זיינען זיך צונויפגעקומען אין הויז פון דר. מייטליס צו א „לחיים". עס האבן גערעדט: פראפעסאר שמעון אבראמסקי, לעסלי בער, יוסף הערמאן, יוסף לעפטוויטש, דר. ש. לעווענבערג, יצחק נאטאני, דוד קאץ, י. ח. קלינגער, א. נ. שטענצל און דער בעל שמחה דר יעקב מייטליס.

אין יידישן „קעסטל־אוונט" אין דין סטר. איינגעארדנט פון שרייבער פעראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס האבן געענטפערט אויף די שאלות: הרב ל. באום, י. א ליסקי, יצחק נאטאני, דוד קאץ, פארזיצער יוסף פרענקעל.

דאס „יידישע קולטור־ווינקל" פארבעט אויף א פייערלעכן ליטעראריש קינסטלערישן נאכמיטאג"—זונטיק דעם 6׳סטן פעברואר, א זייגער 8 אין קארא־האטעל וואבורן פלייס.—שלום אש־אוונט. ס׳באטייליקן דר ש. לעווענבערג, יוסף לעפטוויטש, דר" יעקב מייטליס, לעזלי באר און דער באקאנטער אקטיאר יוליאן גאלד. פארזיץ: י. ח קלינגער.

ביים זשורנאליסטן־קאנפערענץ אין ירושלים האט י׳ סף פרענקעל געקריגן דעם גאלדענעם מעדאל ווי איינער פון די גרינדער פונם וועלט־פערבאנד פון די יידישע זשורנאליסטן.

אים זשורנאליסטן קאנפערענץ אין ירושלים האבן זיך באטייליקט ווי דעלעגאטן פון יידישן שרייבער פעראיין אין לאנדאן י. א. ליסקי, יוסף פרענקעל און דוד קאץ.

דער לאנדאנער פאעט דוד זיידענפעלד איז פערגאנגענעם חודש געשטארבן אלט זייענדיק 82 יאר. עס האט אים מספיד געווען א. נ שטענצל. ביי די שבת נאכמיטאגס האט מען געליינט פון דעם נפטרס לידער. אונזער טיפן מיטלייד צו זיין ליבע פרוי, די געבליבענע אלמנה.

ביי דער מצבה־שטעלן פון אידל רעגן די פרוי פון אונזער פריינט חבר רעגן האט זיך ווי א שליח פון די יידישע שבת נאכמיטאגס באטייליקט דוד בערמאן.

ביי דער מצבה־שטעלן פון ח. ז בענקוויטש האט גערעדט אייזיק גאלדבערג.

דער אגודה־זשורנאליסט נחום שטענצל נאך לאנגע יארן שווערער קראנקהייט איז געשטארבן. עס האט אים מספיד געווען דער דיין פון עדת־ישראל הג׳ דיין שלמה ביימגארטן.

דער גוט־באקאנטער ווייטשעפלער חזן מר. סמוס, מיט גרויסן חוש פאר יידישע מוזיק און יידישן פאלקס־ליד איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

די פיר שבתים אין יאנואר חודש, ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס זיינען געווידמעט געווען דעם מענדעלע מוכר ספרים, צו דער 60׳סטער יארצייט פון אונזער גרויסן קלאסיקער. י א. ליסקי, אין זיין רעדע, מאכט פארשלאג: אויפצובויען א מענדעלע הויז אין ישראל.

די לאנג־דערווארטעטע פארש־ארבעט פון דר. יעקב י. מייטליס אין העברעאיש, אויפן געביט פון דער אלט־יידישער ליטעראטור, דער כתב־יד „פרקים", א מדרש אין יידיש צו די פרקי־אבות, גייט איצט ארויס אין דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע אין ירושלים.

דעם 26׳סטן יאנואר האט א. נ. שטענצל גערעדט איבער מאמע לשון יידיש אין „ליג אף דזשואיש־וומען־סאסייעטי".

שבת פאר חמשה עשר בשבט האט מען גערעדט ביי די יידיש־ליטעראריש־שבת נאכמיטאגס, אמאל אין ארץ ישראל און אין דער היים אין די יידישע שטעטלעך. עס האבן זיך באטייליקט מיט לייענען און זינגען: אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, אסתר ערליכמאן, רות באכנער, סעם גאלדבערג און מאיר באגדאנסקי.

דער שרייבער און זשורנאליסט קאמיל האניק איז געשטארבן, יוסף לעפטוויטש האט אים מספיד געווען. די תפילות האט געזאגט הרב בוים. אונזער טיפן מיטלייד מיט די פרוי, קינדער און אייניקלעך.

יידישער לייען־קרייז פאר יוגנט טרעפט זיך יעדן זונטיק 3 אזייגער. אויף מער אינפארמאציע שרייבט: ר. חייט, 31 הארנטאן סטריט. אנגעפירט פון ר. חייט, דוד דזשאנאגלי און דוד קאץ.

יעדן מאנטיק 6.30 אין אוונט אין הלל הויז, 1 ענדזלי סטריט לעבן יוסטאן־סטאנציע ווערט געפירט א קלאס פון יידיש פאר אנהייבער אנגעפירט פון הרב ל. נ. בוים און דוד קאץ.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

453־55 38׳סטער יארגאנג נאוועמבער־יאנואר 1977 לאנדאן

## דער אייביקער ייד ביי דער כותל

גאנצן גלגל־הארץ
א גילגול ארומגעשפאנט,
ביזגל קריקגעקומען
צו זיין אייגן שטיקל לאנד.

ער באטאפט זי, דערקענט זי,
דאס איז דאך די מערב־וואנט — —
פון מידקייט און פון גרויס פרייד,
שיער נישט אראפ פון פארשטאנד.

איז ער געבליבן שטיין ביי
איר ביז ער האט זיך דערטראכט:
דערטאפט זיך נישט א בלינדער
ביי וואנט אין זיין חשכות־נאכט?

שלאגט מען נישט קאפ אין וואנט זיך
ווען לעצטע טיר שוין פארמאכט?
פון זין שיער מען גייט אראפ,
פון זיך אליין אויסגעלאכט.

ער קושט זי, באגלעט זי, האלזט זי,
יעטוועדן שטיין ער דערקענט —
יידיש קינד יעדער איינער,
ווי אין די מצרים ווענט.

א לעבעדיקס, ווי ס׳צאפלט,
מיט פיסעלעך און מיט הענט —
ס׳איז זיינס, זיין פלייש און זיין בלוט,
זיין אייגנס — ער האט׳ס דערקענט!

און צוגעפאלן צו איר,
מיט יאמערלעכן געוויין — —
איוב נישט בלייבן דא אצינד,
וואוהין נאך איז צו גיין ?

האט נישט כביכול אליין,
מיט זיין יד־חזקה האנט,
א „מנא מנא תקל“
אויפגעשריבן אויף א וואנט ?

מיט וואס האט ער געשריבן ?
מיט בלוט פייערדיקן בראנד !
מיט מיינעם וועט עס איצט זיין,
צו דעם מענטשס אייביקער שאנד.

## קומט א ייד נאך ירושלים

א

קומט א ייד נאך ירושלים,
גייט ער צו דער מעריב־וואנט קודם :
איבן־אן אויף מזרח זיצן די,
מען זאל זיך צו זיי ביקן מודים !
שלעפן צונויף א וואנט מיט א וואנט,
אזש ס׳לאזט זיך חלילה אויס א בוידעם.

ב

אויפן הר־המוריה ארויף,
מיט א גייענדיק הארץ מ׳טוט קריכן;
מיט הענט אויסגעשטרעקט בענטשנדיקע,
ווי דער כהן־גדולביים דוכן,
גאט אין בלויען טלית איינגעהילט,
גייט בענטשנדיק אקייגן משיחן.

ג

און ווען כביכול דעם טלית,
פון איבערן קאפ טוט אויפהייבן,
זעט די בלוטיקע מעריב־שקיעה,
שעפטשעט ער : „ווען נישט צונויפקלייבן,
אצינדער, מיינע געשאכטענע
קינדער, וואס פון זיי איבערבליבן“ —



## יושב בשמים ישחק“

סאוויעטן מיט פראפאגאנדע,
און אמעריקע מיט איר בלאפן,
ס׳ווילט זיך זיי ביידע באהערשן,
גארע וועלט מיט אלע אין־סופן.

ווי אין דובנער מגידס משל,
פון דעם, תמיד אין ציל געטראפן —
נאך שאס ערשט, ס׳רעדל צו מאכן,
אהין צום „ציל“ דערנאך געלאפן . . .

„יושב בשמים ישחק“ — —
און עס כוואליען ימים און טייכן,
פון די לאכנדיקע טרערן,
וואס טריפן פון הימלישע הייכן —

אמת, זיי זיינען די גרויסע — —
אז גאט מיט זיי טוט זיך טון שפילן !
דערנאך צעברעכט ער זיי — א קינד,
ס׳נישטיקע דערפון ס׳טוט דערפילן.

צווערשט ברעכט עס אויס א הענטל
דערנאך ס׳בייכל טוט עס אייפרייסן —
אנו, אצינדער לאמיך זען,
ווי איינס ס׳אנדערע טוט זיך בייסן —

סאוויעט רוסלאנד מיט פראפאגאנדע,
און אמעריקע מיט איר בלאפן — —
און וואס מיט אונזער נביאות,
אין וואלפס שויס שעפסל שטילינק שלאפן ?

## על חרבך תחיה

זעקס טויזנט יאר וועט שטייך אונזער וועלט,
אזוי פעסטגעשטעלט די חכמים — —
ווער ווייסט צי זי וועט עס דערשלעפן ?!
דאס געווען דעמאלט נאך, ווען מיט העק,
מיט שווערד, מענטשן געטון זיך קעפן.

געקענט, אפשר נאך געטון גלויבן,
ווען מיט ביקס געטון זיך שיסן — —
צומאל — געקעפּט מיט גיליאטינען:
אפילו דעמלט, ווען מלחמות
אנגעגאנגען מיט פלי־מאשינען.

קישענעוו: ווען קישנס אויפצורייסן,
קעץ אין בייכער ארייננצושטופן —
געמיינט עס הייסט יידן־פאגראמען!
איצט, ווען 6000,000 א שפּילעכל,
און מלחמה מ׳מאכט מיט אטאמען — — —

איצט, ווען קריג פירן נישט ארמייען,
א מענטשל ערגעץ טוט א דריי אין
א קעלער אן עלעקטריש קנעפל,
און גאנצע מענטשהייט — א טויטער האן,
מיט אן אראפּגעדרייטן קעפּל.

און דער גאנצער כדור־הארץ,
פאר מיליאנען, מיליאנען טויטע,
איין ברודער־קבר טיף צעגראבן —
אז די וועלט וועט שטיין 6000 יאר,
אזא גלויבן איצט שווער צו האבן —

אבער עס איז גאנץ גוט צו פארשטיין,
אז דער „ועל חרבך תחיה",
ווי מיר טייטש־חומשדיק לעזן, איז
נישט א קללה צו א שלעכטן זון —
נאר א טאטנס ברכה גאר געווען.

## ווי פאריידישלעך א פסוק קאן ווערן

ווען ער איז געפארן נאך מאטעסדארף,
אין דער ישיבה צו ר׳ ירמיהן,
צוריקגעקומען גאר אן אפטייקער — —
און ווען נפטר געווארן דער ייד־הקדוש,
דווקא אים פאר זיין ממלא־מקום געלאזן.

גיי פארשטיי דיך אויף אזעלכע ענינים — —
האט מען געטייטשט — חכם עדיף מנביא!



איז ער דאך געווען דער חכם־עתיק
און געפירט האט ער ביד רמה — —
א וואונדער אז ס׳פוילישע חסידות
ארויסגעוואקסן דעמלט ביומו,
צום עץ הדעת בתוך הגן?

אז מ׳האט אזא בר־דעת, חכם ונבון
ווי ער, דער רבי ר׳ בונם.

די יונגעלייט דעמלט ארום אים,
דער קאצקער, דער „חידושי־הרי"ם",
עס האט געברענט ארום זיין טיש
„זה השולחן אשר לפני אלוקים",
ס׳איז ממש אויפגעגאנגען מיטן ניגון.

מ׳איז געקומען קיין פשיסכע,
מ׳האט געגלויבט ממש מ׳איז אין ירושלים.

גילוי־שכינה, מיט די הענט זי געטאפּט —
ווען מהאט שלום גענומען,
געגלויבט די גאולה שוין געקומען!
דער קץ — די עתיד־צייט!!
עתידה ארץ־ישראל להתפשט בכל־העולם.

און ווען ר׳האט גענומען תורה זאגן,
די כותלי בית־מדרש האבן געציטערט.

אן אטעמדיקע וואנט דער עולם ארום אים,
ער באטאפּט זי מיט זיינע סגי־נהור אויגן,
און נישט רייד קומען ארויס פון זיין מויל,
א טיף־אטעמדיקע אהבה רבה — —
אלע ארום אים איין קלאפּנדיק לב אחד!

אלע ארבע מיתות אויסצוגיין,
אויפצוכאפּן פון זיין פה־קדוש איין ווארט:

„וישכב במקום ההוא" — יעקב,
ער האט זיך פארלייגט אויף דעם ארט!
„מלאכי אלוקים עולים ויורדים"

א ציטער־געפלאטער ארויף, אראפ —
אבער כביכול „נצב עליו“!

„„וישכב במקום ההוא“ — יעקב
„האט זיך פארלייגט אויף דעם ארט“ — —

און דער לעלעווער, ר׳ משהלע,
דעם הייליקן רבי ר׳ הודל׳ס זון,
דעמלט אויף זיין עליה,
אין הייליקן לאנד אריין,
שמחהדיק צוגעלייגט מסתם:

„והנה ד נצב עליו“ —
„און גאט, ברוך הוא, באשטייט דערויף.

## א שלוש-סעודות־טיש אין ניו-יארק

שנת תשל״ז

שבת, די בין־השמשות שעה,
די שטאט פול מיט לעצטע נייעס,
אויף די יידישע פנימער —
גאווה־פרייד ווי ביי ס׳גייעס.

ס׳בית־מדרש, רחמנא לצלן,
טונקל צעשאטנט מיטן שטן;
פון יעטוועדן ווינקל ער ווינקט,
הא, אבער ס׳איז מיר געראטן?!

די „הנך כלבי דכסיפין“
צעאטעמט שוין מיט זיין אטעם:
„צוועלף אטאם־באמבעס האט ישראל!
דער פרט כנגד די שבטים“—

גיי פארוויג דיך שלוש־סעודותדיק,
און נעם „ויתיר“ זינגען — — —
און תורה ר׳נעמט זאגן איידער
דעם כזית קיום אראפגעשלונגען.



דערוואָרגן ר׳וואלט געוואָרן,
טרייסלען שאטנדיק זיך ווערטער;
ער ציטערט פחדימדיק אויף, ווען
אליין זיינע ווערטער הערט ער:

„אויב צו האבן אן אייגן לאנד,
די ערד צעשטערט מיט אטאמען,
לאזן מיר די ביידע איבער,
פאר די אייניקלעך פון חמען.

„ווי ווייט גייט א חם מיט זיין מוח,
תאווהדיק זיך אנצוזאטן — —
מישטיינסגעזאגט דער וואזשנער קאפ!
ביזגל צום בעט פון זיין טאטן.

„הידים ידי עשיו“ — —
יעקב מוז קאנען זיין קרבן!
אויב ער וויל ווי זיין ברודער זיין,
ווערט ער נאך ערגער פארדארבן.

„ביי די חמס, ביי די עשיוס,
געפאכט מיט שווערדל און פטור;
ביי ווייי־חכם יעקב אבער,
שטנט שוין קאמפיוטער־קאטער.

„ס׳ווערט דער קץ“ קצתי בחיים׳
רחמנא לצלן, לוציפער ——
קטנית־דמותין־געאמעטריא — —
טויט און לעבן פארמול־ציפער —

„דער ועל חרבך תחיה,
— ווי ווייט קאן ער גיין? הארמאטן!—
ס׳איז דאך א הייליקע ברכה
פון יצחקן אונזער טאטן.

„מיליאנען קדושים יידן,
ווי ווייט“ מ׳קאן גיין מיט פאגראמען — —
מיליארדן מענטשן אומברענגען
מען קאן, אצינד מיט אטאמען.

„האט נישט גאט אליין די חרב־
המתהפכת אויפגעהאנגען
אויפן גן־עדן, אז אדם
זאל זי נישט קאנען דערלאנגען?

„אז מענטש ווי איינער פון אונז איצט,
מוז מען זיך פאר אים באשיצן —
זיין מארד־כלי־זיין שטארקער זיין,
ווי מיינע דונער און בליצן —"

ניין, ס'האט דער עולם נישט געטאנצט
נאך דעם טיפן תורה־זאגן,
ס'גאנצע בית־מדרש פול געווארן
מיטן רבינס בכיה־קלאגן.

און אין די טויערן פון רוים,
משיח געבונדן די וואונדן;
זיין הארץ פול צער און גרימצארן,
צעצאפלט זיך אנגעצונדן:

„דיינע זעקס מיליאן יידן דארטן
וועלן קיין קדושים ווערן;
אויב נישט אצינד איצט דערלייזן,
אינגאנצן, חלילה, אויפהערן".

די טרערן דעמלט פון משיח,
גאנצע וועלט געקענט פארפלייצן — —
ווען נישט גאטס שבועה ביים מבול — — — —
די כלבי־דכסיפין צערייצן —

ס'הערט דער רבי, דערהערט, מסתם,
פון מלך־משיח דאס וויינען,
זיך אויפגעכאפט און דעם עולם,
טאנצנדיק, געכאפט פאראייניקן.

די ערד פון פרייד אויפגעציטערט,
זיך מיטגעדרייט בגילופין?
און ער האט מצרף געווען
די גאולה קץ־צריפין.



## דוד מלך ישראל חי וקים

פארוואס איז זי די מלוכה
פון שאולן אונטערגעגאנגען?
געגרינדעט זי איז געווארן
אויף „ככל הגוים"־פארלאנגען.

די דוד־דינאסטיע אבער
אייביק, דור־דורות וועט דויערן —
פאר משיחן שטייען אפן
די ירושלים־טויערן.

„אל תשלח ידך אל הנער"
אויפן הר־המוריה אויבן,
געמיינט געווען: פאלק אויף פאלק
קיין כלי־זיין מער נישט אויפהייבן.

זיינע גלות־גליענדיקע טרערן,
און זיינע טאטע־רחמנות־אויגן,
תהילים־פסוקים צו גאט ארויף,
אויף רוקן־צעביקטן פיילן־בויגן —

דודס ליד אויף זיין אבשלום,
דער טאטע פון שלום וועט ווערן,
ס'האט דאך יעדער זון א פאטער,
און מלחמות מוזן אויפהערן.

אזוי באוויינען א קינד
טאטע־פאטערדיק, מלכותדיק,
אויף ער ערד אויפגעבויט ס'ווערט
די געאייביקטע שלום־בריק.

## קליינעם מלחמה - באלאדע

(אויפן ברידער־קבר פון די געפאלענע אין יום־כיפור־קריג)

ס'איז די נאכט דאס שווארצע רעמל,
די לבנה — דער אפגעהאקטער קאפ,
ער קוקט פון הימל טויט אראפ.

וואס זיינען אויבן די שטערן?
העלדן־טרערן אין טאטנס בליק,
וואס האלט זיך פון וויינען צוריק.

איין טרער איז אראפגעפאלן,
נישט מער איינהאלטן זיך געקענט,
זיין טויטן זון ער האט דערקענט.

זי קוואלט איצט פון דעם מתים־בארג,
זיין איינציקער זון צווישן זיי,
ווי רויט געווען דער זון־פארגיי.

און וואו איז די מאמע זיינע?
ווען זי די נייעס האט דערהערט,
געפאלן א טויטע אויף דער ערד.

יוסף לעפטוויטש

## זאנגוויל און יידיש

די טעמע האב איך ניט אויסגעקליבן. פרענקל איז געקומען צו מיר מיט דער טעמע. אפשר איז טאקע ריכטיק צו באטראכטן דעם ענין, ווייל יידיש האט געשפילט א גרויסע ראלע אין זאנגווילס לעבן און שרייבן, בלויז איין שוועריקייט: מ׳זאגט ביי יידן „נער הייתי״ — כ׳בין געווען יונג און איצט בין איך אלט. איז ווי אן אלטער ייד דארף טון, האב איך אוועקגעשיקט מיינע זאנגוויל־מאטעריאלן, און אנדערע מאטעריאלן, קיין ירושלים אין צענטראלן ארכיוו אריין. האב איך דא נאר מיין זכרון, ניט קיין גענויע ווארט־ווערטלעכע ציטאטן. און איך האב ליב צו ציטירן גענוי. אבער א הילף האב איך—מיין בוך וועגן זאנגווילן. דארט האב איך אויך דערמאנט אין עטלעכע ערטער דעם ענין יידיש ביי זאנגווילן.

האט דאך שלום אש מיר געזאגט אמאל, אז זאנגוויל איז איינער פון אונזערע גרעסטע יידישע שרייבערס, ניט ווייניקער ווי פרץ און שלום־עליכם, כאטש ער האט געשריבן אויף ענגליש, ניט יידיש אדער עברית. האט טאקע זאנגוויל אליין אנגערופן זיינע ווערק יידיש־ענגליש. ער איז אויסגעוואקסן ווי אסך, אפשר די מייסטע פון זיין דור און מיין דור, און ווייטשעפל ביי טאטע־מאמע, וואס האבן גערעדט צו די קינדער יידיש און די קינדער האבן געענטפערט אויף ענגליש. איך מיין אפילו דעם יונגערן



דור מענטשן, וואס זענען איצט ארום פופציק־זעכציק. זאנגוויל דערציילט, אין זיין „קינדער פון געטא״, וועגן זיך און זיינע טאטע־מאמע, זיינע ברידער און שוועסטער: דער טאטע האט גערעדט מיט אונז יידיש, מיר האבן אים געענטפערט אויף ענגליש. זעליג בראדעצקי, מיט א דור יונגער, מיין דור, דערציילט ענלעך אין זיין אויטאביאגראפיע:

„מיר האבן גערעדט ענגליש צווישן זיך״ — ער מיינט די קינדער, „אבער צו די עלטערן האבן מיר גערעדט יידיש״. יידיש איז באמת געווען אונזער מוטער־שפראך, מאמע־לשון״. אזוי דערציילט אויך דער גרויסער מאלער, מארק גערטלער. „מיין ערשטע שפראך איז געווען יידיש. איך בין אויסגעוואקסן מיט יידיש. אז איך האב גדארפט א מאדעל צו צייכענען בין איך געגאנגען אין די לייזן און געבעטן איינעם פון די לייזן־מענטשן. איך בין געווען ביי זיי ווי אן אייגענער.״

מ׳קען אפילו ווייטער פירן אשס ווארט, אז כאטש זאנגוויל האט געשריבן ענגליש, האט ער געשריבן יידיש. איך מיין אין דעם זין, אז א גרויסער טייל פון „די קינדער פון געטא״ און פון אנדערע דערציילונגען זיינע איז אריגינעל געשאפן געווארן אויף יידיש, און ער האט עס פארן ענגלישן לייענער איבערזעצט אויף ענגליש. ניט נאר די עלטערן האבן גערעדט צו די קינדער אויף יידיש—און די קינדער האבן פארשטאנען, ענטפערנדיק אויף ענגליש—נאר אלע רייד צווישן די עלטערן, למשל דער אלטער הייאמס מיט זיין פרוי, כמעט אלע עלטערע לייט זיינע זענען געווען דורכאויס אויף יידיש.

זאנגווילס עלטערן זענען געווען אימיגראנטישע יידן—דער טאטע פון א קליין שטעטל אין קורלאנד, די מאמע פון לעבן ווארשע. דער טאטע איז געווען שטרענג פרום. ער פלעגט אויפשטיין פארטאג און גיין אין שטיבל אריין דאווענען, מיטנעמענדיק דעם עלטסטן זון זיינעם, ישראל זאנגוויל. זאנגוויל מאלט דאס שטיבל מיט די מתפללים אין זיינע ביכער. וועגן איינעם פון זיינע העלדן, דאס יינגעלע בנימין, וואס איז געווען שטארק ענלעך צו אים אליין, דערציילט זאנגוויל—„דער טאטע האט גערעדט יידיש, און געוואלט ער זאל ווערן א רב״. בנימינס ברודער, שלמה, האט געלערנט גמרא מיטן טאטן און האט געקענט איבערזעצן גאנץ חומש — אויף יידיש. געווען א צייט, אין 1911, ווען זאנגוויל איז געווען באלד א פופציקער, ווען ער איז אויפגעטרעטן פארן ענגלישן הויך־געריכט ווי אן עקספערט אין כשרות לטובת א יידישן קצב, ביי וועמען די קהילה האט צוגענומען זיין כשר־בשר. „איך בין אויפגעוואקסן״, האט ער געזאגט דעם ריכטער, „אין א שטרענג־ארטאדאקסישער שטוב״.

ער האט גוט געקענט יידיש—אביסל דייטשמעריש, „קאנגרעס־דייטש״. ער האט זיך א נאמען געגעבן מארשאליק, און זיינע ארטיקלען פלעגט ער רופן „מרור און חרוסת״. אין דעם ענגליש־יידישן בלאט, וואו ער האט מיטגעארבעט, „דזשואיש סטאנדארד״, האט ער געדרוקט זיינס א יידיש ליד:

מיינע שוועסטער, ברידער, גרינע,
הערט צו מיין פארנונפטיק ווארט,
אז פון דיזער גראנד מדינה
מ׳שיקט אייך ניט ווידער פארט.
אייך איז עס גענוג באקאנט,
ענגלאנד איז ניט קיין יידיש לאנד.

דאס איז געווען אין די יארן, ווען אין ענגלאנד זענען געווען איינוואנדערונגס־געזעצן, מייסטנס קעגן אימיגראנטן יידן און מ׳האט זיך געשראקן ניט ארויסגעשיקט צו ווערן.

זאנגוויל האט אויך ניט פארגעסן דאס העברעאישע, וואס ער האט געלערנט ביי זיין טאטן. איך בין אמאל געקומען צו אים מיט דוד הערמאן, דעם רעזשיסאר פון דער ווילנער טרופע, און ער האט גראד געהאלטן ביים איבערזעצן אבן־גבירול. ס׳איז שפעטער ארויס ווי א בוך. „זעט״ האט ער זיך ברימט פאר אונז, „איך האב ניט פארגעסן מיין העברעאיש״.

זאנגווילס פאטער, משה זאנגוויל, איז געווען אן ארעמאן. אנטלאפן פון די זעלנער. געווען א געכאפטער אלס יונגל, א קאנטאניסט. גענומען זיך צו האנדלען, געשטאנען אין די ליין צו פארקויפן מאראנצן מיט לעמאנען. געפארן אויף דער ענגלישער פראווינץ מיט קליינע, ביליקע סחורות; מיט א טארבע און מיט זיינע כשרע כלים. פרוי זאנגוויל האט מיר דערציילט, אז קיינמאל האט זאנגווילס פאטער ניט פארדינט מער ווי א פונט א וואך. אחוץ זיין מסחר מיט קליינהאנדל, פלעגט דער טאטע טאן אויך פארשידענע אנדערע מלאכות, שוסטעריי, גלעזעריי. אויף די מעטריקעס פון ישראל זאנגווילס געבוירן שטייט דער טאטע פארשריבן ווי א גלעזער.

איז ישראל זאנגוויל, מיט זיינע צוויי שוועסטער און צוויי ברידער, אויסגעוואקסן אין ארעמקייט, אין דחקות. ווען זאנגוויל באשרייבט, אין „די קינדער פון געטא״, ווי די קינדער האבן צום עסן געקריגן א שטיקל ברויט און אביסל דריימאל דורכגעשווענקטע טיי, באשרייבט ער זיין אייגענע באשפייזונג אין די קינדער־יארן. נאר בלויז דער גוף האט געליטן, פלעגט ער זאגן, „די נשמה איז געווען דערהויבן״. ווען דער פאטער איז געשטארבן — אין ירושלים — האט זאנגוויל געשריבן א ליד — „א פונט א וואך איז פאר אים געווען די עשירות פון א קעניג״. דער פונט איז דעמאלט געווען ווערט אסך מער ווי היינט. אבער אפילו צוויי פונט א וואך דעמאלט איז געווען ארעמקייט, דערצו מיט פינף קליינע קינדער.

איז ישראל זאנגוויל אויסגעוואקסן אין אן ארעמער, אבער א ריינער, פרומער ישטוב, ביי א טאטן א לערנער. ער האט ביי אים איינגעזאפט תורה און יידישע פאלקסטימלעכקייט.

היינטיקס יאר איז ארויס אין העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים א באנד איבער דעם קולטור־לעבן פון די יידן אין ענגלאנד. האב איך דארט אן ארבעט איבער „יידישן פאלקלאר ביי זאנגוויל״. זיינע ביכער זענען פול



געפאקט מיט יידישע וויצן, מיט יידישע מעשהלעך, גענומען פון יידישן פאלקס־לעבן. פון וואנען קומט עס צו אים? פון טאטן, וואס פלעגט דערציילן די מעשהלעך זיינע קינדער; מעשהלעך, וואס יידן האבן דערציילט זייערע קינדער, און די קינדער זייערע קינדער; און ס׳זענען געווארן יידישער פאלקלאר, יידישע ליטעראטור. למשל, אין „קעניג פון די שנארערס״, ארום דעם חוצפהדיקן, גרויס־מאניערענדיקן שנארער, דא־קאסטא, דערציילט זאנגוויל, אז ווען דא־קאסטא איז געקומען פרייטאג־צו־נאכט צום גביר ווי זיין אורח, האט ער מיטגעבראכט א צווייטן שנארער — „מיין אורח״. אדער ווען ער פירט דורך א שידוך מיט דעם שנארער, יאנקעלע, מיט זיין טאכטער, שרייבט ער אים אפ אלס נדן א גאנצע טעריטאריע, וואו ער, דא־קאסטא, וועט מער ניט שנארען, נאר לאזן די טעריטאריע פאר דעם איידעם. זענען בײדע מעשהלעך פאראן ביי מענדעלע אין „פישקע דער קרומער״. זאנגוויל האט זיי געהערט פון זיין טאטן, פון יידישן פאלקס־מויל. אט דער יידישער פאלקלאר, דער יידישער פאלקס־הומאר איז אנגעפיקעוועט אין זאנגווילס שריבן. ער האט עס אריינגעפירט אין דער ענגלישער ליטעראטור. אזוי די מעשה מיטן מלאך־המות, וואס האט חתונה געהיט מיט א ווייב א מרשעת. ער ציטירט יידישע פאלקס־לידער, שטיקער פורים־שפיל. אזוי —

און אוי ווי איז מיר,
ווי שלעכט איז מיר,
איך בין פארטריבן געווארן
יונגערהייט פון דיר.

אמאל האט א ייד אריינגעשריבן א בריוו אין „דזשואיש קראניקל״, געפרעגט צי ווען זאנגוויל וואלט געשריבן „די קינדער פון געטא״ פינף און צוואנציק יאר שפעטער, וואלט ער ניט אסך דארט ארויסגעלאזט? קיינער קען ניט וויסן וואס פאר אן אנדער בוך זאנגוויל וואלט געשריבן מיט פינף און צוואנציק יאר שפעטער, ניט ווי פריער, ווי א יונגערמאן פון אכט און צוואנציק יאר, נאר א רייפער מענטש פון דריי און פופציק. ער האט דאס בוך ניט איבערגעשריבן. ס׳בלייבט ווי עס איז — א מייסטער־ווערק. נאר איין זאך האב איך געענטפערט אין „דזשואיש קראניקל״, וואלט זאנגוויל זיכער געענדערט. זיין נארישע מיינונג דארט וועגן יידיש. ער האט זיך אנגעהערט דאס שרייען פון די מארק־יידן און יידינעס אין די ליין, און — ער איז דאך געווען א שטיקל משכיל, אן אינטעליגענט — ס׳איז אים אויסגעקומען ווי א זשארגאן. אין זיינע שפעטערע באשרייבונגען וועגן יידיש האט ער געלויבט יידיש, ווי „א לעבעדיקע שפראך, דער געטרייעסטער אוצר פון יידישער סאציאלאגיע״. אין איינער פון זיינע ארויסטרעטונגען פאר יידיש, האט ער באוויזן ווי יידיש איז פארבונדן מיט יידישקייט, אז מ׳הערט אויף רעדן פון כשר און טריף, מילכיק און פליישיק, הייסט עס, אז יידן הערן אויף אפצוהיטן יידישקייט, האלטן ניט מער פון יידישן וועג.

איך האב אוועקגעשיקט קיין ירושלים, אין ארכיוו אריין, עטלעכע

גומערן פון דער לאנדאנער „יידישע וועלט“, א יידישע ביילאגע צום ענגליש „דזשואיש ווארלד“, וואס זאנגוויל האט באוואויגן זיינע אנהענגער אין דער איט״א ארויסצוגעבן אין לאנדאן. צווישן זיי איז דא דער ערשטער נומער וואו ס׳געפינט זיך א לאנגער עסיי, געווידמעט לוציאן וואלף, א לויב־געזאנג צו יידיש. יעקב הדס, וואס איז געווען דער רעדאקטאר פון דעם יידישן בלאט, האט דערציילט וועגן אים: „די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, וואס האט איבערגענומען די „דזואיש ווארלד“—דאס הייסט, „די ענגליש־יידישע וואכנצייטונג“ האבן אלע געהערט צו זאנגווילס טעריטאריאליסטישער ארגאניזאציע. זאנגוויל איז געווען א ווארעמער פריינט פון יידיש. ער האט ביי יעדער געלעגנהייט פארטיידיקט די יידישע שפראך. אין די פאר יאר, וואס די „יידישע 5עלט“ איז ארויסגעגאנגען, האט זי געהאט די מיטארבעט פון י. ל. פרץ, שלום־עליכם, נחום סאקאלאוו, י. ח. ברענער, דוד פרישמאן, שלום אש“.

וואס שלום אש האט געהאלטן פון זאנגווילן האב איך דערציילט ביים אנפאנג—א גרויסער יידישער שרייבער וואס, כאטש ער האט געשריבן ענגליש, נישט יידיש אדער העברעאיש, איז ער ניט וויניקער גרויסער יידישער שרייבער ווי פרץ אדער שלום עליכם. זאנגוויל האט געלייענט שלום אש. ער ציטירט אים אין זיין בוך, וואס איז ארויס אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, „דער קריג פאר דער וועלט“. ווען שלום עליכם איז געקומען קיין לאנדאן, אין 1905, און מ׳האט אים געמאכט אן אונט, האט זאנגוויל געפירט דעם פארזיץ. ווען פרץ איז געשטארבן, איז זאנגוויל ארויס מיט א נאך־רוף—„פרץ איז א געניאלער שרייבער, א געניוס“.

צום סוף דארף דא דערמאנט ווערן, אז זאנגוויל האט געהאט א באציאונג צום יידישן טעאטער. ווען די ווילנער טרופע האט געשפילט אין לאנדאן, האט ער זיי אנגעבאטן צו שפילן זיין „קעניג פון די שנארערס“, און איך זאל ער איבערזעצן אויף יידיש.

דוד הערמאן האט די פיעסע שוין אריינגעשטעלט אין זיין פראגראם, נאר גראד האט זיך דאן די ווילנער טרופע געשפאלטן אין בײדע צדדים, עזרא און אלאמיס פון איין זייט, און דוד הערמאן, שניאור און זיין פרוי בעלארינא און שילאזא פון דער צווייטער. זאנגוויל האט זיך אפגעזאגט צו געבן זיין פיעסע צו וועלכער פון די צוויי צעקריגטע ווילנער טרופעס. איך האב ניט געוואוסט וועגן דעם, נאר מאיר לאנדא, אין זיין בוך „דער ייד אין טעאטער“, דערציילט, אז א פארשטעלונג אין יידיש פון זאנגווילס צוויי יאר פריער פאר די ערשטע אויפפירונג אויף ענגליש, האט מען אין לאנדאן, אין ווייטשעפל געשפילט זאנגווילס „שמעלצטאפ“ אויף יידיש. לאנדא גיט נישט אן ווער די שפילער פון דער יידישער אויפפירונג זענען געווען.

מארק שווייד, א פראכטפולער יידישער אקטיאר אין מאריס שווארצס טעאטער, און א פאעט—אגב האט ער איבערזעצט זאנגווילס „טרוימער פון



געטא“ אויף יידיש—, האט אין א גרעסערן זאנגוויל־עסיי באדויערט וואס זאנגוויל איז ניט מער איבערזעצט אויף יידיש.“ ער איז באקאנט און באליבט אין יעדן יידישן הויז צוליב זיין אויפטו ווי א ציוניסט און א טעריטאריאליסט. אבער ווען ער וואלט געווען בלויז א פאליטיקער און א געזעלשאפטלעכער טוער, ווען ניט זיין שרייבן, וואלט ער געווען לאנג פארגעסן.“ זעען מיר טאקע היינט, פופציק יאר נאך זיין טויט, אז זאנגוויל איז ניט פארגעסן.

יוסף וויינשטיין

# מענדעלע מוכר ספרים

## צו די 60 יאר פון זיין פטירה

אין קאירא, מצרים—וואו כ׳בין געבוירן און געלעבט כמה וכמה יארן—איז, אין חודש דעצעמבער 1917—ארגאניזירט געווארן אין „בית־עם“—דורך דעם „אידישן קונסט־פעראיין“—א „הספד“־אווענט צו די שלושים פונם טויט פונעם אידישן שריפטשטעלער „מענדעלע מוכר ספרים“.—איך האב געעפנט די מסיבה און באגריסט די איינוועזנדע מיט אונזער טראדיציאנעלן „ברוכים הבאים בשם ה׳“—מיר האבן אויך אויפגערופן—האב איך ממשיך געווען—אייך איבערגעבן א ביאגראפישן איבערבליק פון דעם געניאלן שרייבער מענדעלע מוכר ספרים!

די דריי לעצטע יאר 1915־1916־1917, וועלן ציילן אלס די טרויעריקסטע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור.—דאס יאר 1915 ווען דער פאטער פונעם מאדערנעם אידישער לטעראטור „יצחק ליבוש פרץ“, האט אין ווארשע דעם לעצטן אטעם אויסגעהויכט— דאס יאר 1916, אין חודש מאי, ווען דער וועלט־בארימטער אידישער הומאריסטישער שרייבער „שלום־עליכם“, איז אין ניו־יארק אויף אייביק איינגעשלאפן—אין חודש סעפטעמבער פון זעלבן יאר, ווען דער אידישער נאציאנאלער דיכטער „שמעון פרוג“, איז אין אדעסא נפטר געווארן, און אין סוף פון 1917, ווען „שלום יעקב אבראמאוויטש“,—באקאנט אונטער דעם פסעדאנים פון „מענדעלע מוכר ספרים“—האט אין אדעסא, אויף אייביק צוגעשלאסן זיינע קלוגע שארפע אויגן!

אין משך פון איניקע יאר, האט דער אנ׳ברחמנות׳דיקער שיקזאל אוועקגערויבט די שטארקסטע זיילן פון אונזער ליטעראטור. די, וועלכע האבן אויסגעטראטן דעם מיט דערנער־באוואקסענעם וועג און דערהויבן דעם געוועזענעם ארעמען זשארגאן, צו דער מדרגה פון א ליטערארישן אידיש. און וויפיל מ׳זאל ניט געווען זיין צוגעגרייט צום אוועקגיין פונעם זיידען פון אונזער ליטעראטור, דאך האט די ידיעה פון זיין פטירה, גע־

שאפן א געפיל פון פאר׳יתומ׳קייט אויף דער גאנצער אידישער ליטעראַרישער וועלט!

צו קענען געבן א גענויע אפשאצונג פון מענדעלעס ליטעראַרישן שאפן, פאדערט זיך א ניט באשרענקטע צייט—דאך וועלן מיר, אויף וויפיל מעגלעך, געבן א קורצע ביאגראפיע פונעם גאון פון דער אידישער ליטעראַטור! באלד, ביים אנפאנג פון זיין שרייבן, האט שלום יעקב אבראמאוויטש פארפאסט זיינע ווערק אונטערן פסעדאנים פון „מענדעלע מוכר ספרים״: אין יענע צייטן, פלעגן אידן ארומגיין מיט אידישע ביכער צו פארקויפן . . .

געבוירן איז מענדעלע דעם 20סטן דעצעמבער 1835 אין „קאפיליע״, א שטעטל אין דער ליטע, מינסקער גובערניע, זיין פאטער, אן אנגעזעענער בעל־הבית אין שטעטל, האט געגעבן זיין זון א טראדיציאנעלע אידישער דערציאונג. ווען שלים יעקב איז געווארן א 6 יעריקער תלמיד, האט ער שוין געלערנט תנך און דקדוק. צו צוועלף יאר האט ער געהאט א גרויסע קענטניס אין תלמוד. עס פארשטייט זיך אז די פייערדיקע רעד פון די נביאים ישעיהו און ירמיהו, האבן שטארק איפגעוועקט זיין כח הדמיון, און אים געגעבן גענוג שטאף צו דיינקען, טראכטן און פאנטאזירן. שלים יעקב איז צו דרייצן יאר געבליבן א יתום, זיינע קרובים האבן אים אוועקגעשיקט לערנען אין דער פרעמד, און אזוי האט זיך אנגעפאנגען זיין וואנדערן. ס׳איז געווען באשערט ער זאל אין זיינע יונגע יארן פארזוכן דעם טעם פון זייך נע־ונד—עלענד—ארומוואנדערן אין פארשידענע שטעט אין דער ליטע, אין דעם וייטן געגענד פון וואלין, אום צו קענען ריכטיק אפשאצן דאס אידישע לעבן אין יענע ערטער, וועלכע ער האט שפעטער אזוי קינסטלעריש אפגעמאלן. נאך מערערע יארן לערנען אין די ישיבות, ניט האבנדיק וואו דעם קאפ אנצושפארן, געגעכטיקט אין בית המדרש, אויף א הילצערנער באנק, האט שלום יעקב ענדלעך זיך דערשלאגן קיין קאמענעץ־פאדאלסק, זיך צוגעגרייט אלס לערער און באקומען א שטעלע אין דער דארטיקער אידישער שולע. ווען ער איז געווארן 22 יאר אלט, איז דערשינען אין „המגיד״, א צייטונג אין עברית, זיין ערשטן העברעישן ארטיקל.

אינטערעסאנט איז אז זיין שרייבן איז געדריקט געווארן אן זיין ווילן און אפילו אן זיין וויסן: ס׳איז געווען א בריוו צו זיינעם א חבר. די צייטונג האט זיך תיכף געווענדעט צום פארפאסער פון דעם בריוו, מיט א בקשה צו שרייבן נאך . . אין יאר 1858 האט שלום יעקב זיך באזעצט אן בערדיטשעוו. אין 1860 איז דערשינען זיין 1־טן בוך אן עברית, אבער זיין וואונדערבאר שאפן האט זיך אנטפלעקט ווען ער האט זיך גענומען צו דער שפראך פון זיין פאלק. שווער איז אים געווען צו באשליסן זיך שרייבן אין אידיש, אבער ער האט פארשטאנען אז זיין שאפן אין דער שפראך וואס די מאסע רעט, פילט און דיינקט, וועט קענען זיין נוצלעך זיין פאלק. אויסער די דאזיקע סיבה, האט זיין קינסטלערישן ליטע־



ראַרישן גייסט אים געטריבן צו מאלן לעבעדיקע בילדער אין דער שפראך פונעם לעבן גופא. און אט די אידישע שפראך, האט שלום יעקב אלץ מער ליב באקומען. און וואס ווייטער האט ער געשליפן און געטאקט יעדן אויסדרוק ווי אן אמת׳ר קינסטלער, און זיך געפלייסט צו מאכן דאס אידישע ווארט, אלץ שענער און איידלער און פאלקאמענער! ער, מענדעלע מוכר־ספרים האט געשאפן דעם נוסח, דעם סטיל פון דער אידישער שפראך וואס האט ביז אים נאך נישט עקזיסטירט.

אין יאר 1863 האט מענדעלע ארויסגעגעבן זיין ערשט ווערק אין אידיש, מיטן נאמען „דאס קליינע מענטשעלע״, וואס איז א שארפע קריטיק קעגן די אידישע בעלי־טובות. אין 1869 איז ארויס אין זשיטאמיר זיין בוך „פישקע דער קרימער״. אין זעלבן יאר האט דערשינען זיין דראמא די „טאקסע״, א סאטירע קעגן די גבאים און רעדלפירער . . .

אין זשיטאמיר האט מענדעלע אפגעגעבן עקזאמן אויף ראבינער. ארום 1873 האט מענדעלע פארפאסט „די קליאטשע״, א מייסטערווערק, וואס איז אן אלעגאריע אויפן אידישן פאלק אין גלות: דער רושם וואס דער בוך האט געמאכט איז געווען א גרויסער. אין 1875 האט מענדעלע ארויסגעגעבן דעם פאעמא־ווערק „דאס אידל״, און אין 1878 איז דערשינען זיין דערציילונג „בנימים השלישי״. מיט דעם ווערק דערגרייכט מענדעלע דעם העכסטן פונקט אין זיין קינסטלערישן טאלאנט. דער בוך האט אזא שטארקן איינדרוק געמאכט אפילו אין דער ניט אידישער וועלט, דאס דער גרויסער פוילישער שרייבער קלעמענס יונאזשא האט גענומען זיך אויסלערנען די אידישע שפראך, אום צו קענען איבערזעצן אין פויליש כמעט אלע מענדעלעס ווערק. אין יאר 1881 איז מענדעלע אריבער קיין אדעסא, אלס דירעקטאר פון דער דארטיקער תלמוד־תורה, וועלכע ער האט פארנומען ביז דער לעצטער צייט. אין 1884, צו זיין 25 יעריקן יובליי פון ליטעראַרישער טעטיקייט, האט דערשינען זיין דראמא אין 5 אקטן „דער פריזיוו: מענדעלע האט אויך אנגעשריבן: „דאס ווינטש פינגערל״, „אן אלטע מעשה״—„ישראליק דער משוגענער״—און „שלמה ר׳ חיים׳ס״.—דער אלטער מענדעלע, דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור, טראכט אבער ניט זיך אפרוהען. ער איז געווען אריין מיט לייב אין לעבן אין זיין קינסטלערישן שאפן: אפילו שוין אין די גאר עלטערע יארן, הערט מענדעלע ניט אויף צו פארברייינגען שעהן—וואס ביי זיין שרייב־טיש, וואו ער האט זיינע פערלדיקע אויות׳לעך אויסגעשטעלט און געמאכט פון זיי א צירונג, און געשאנקן איין שורה נאך דער אנדערער מתנות דעם אידישן פאלק! מענדעלע איז געווען דער געניאלער שרייבער וועלכער האט אויסגעדריקט דעם אידישן פאלקלאר, דאס אידישע פאלקסטימלעכקייט אין אינדיווידועלן לעבן . . . אלס שילדערער פונעם אידישן געטא, פארנעמט מענדעלע דאס ערשטע פלאץ אין אונזער נאציאנאלע ליטעראַטור! ער האט אונז איבערגעלאזן אזויפיל לעבעדיקע בילדער פאר די קונפטיקע דורות וואס

וועלן א ריכטיקן באגריף וויאזוי ס׳האט געלעבט, געפילט, געשטרעבט און עקזיסטירט דאס פאלק פונעם טויזנט יעריקן געטא. צו זעלבער צייט האט מענדעלע געזוכט מיט זיין געניאלן טאלאנט, צו וועקן די אידישע אינטעליגענץ צו א ניי לעבן. און מענדעלע הערט ניט אויף מיט זיין ליטעראריישער טעטיקייט, פריש און מונטער מיט יוגענטלעכע גייסטיקע פעהיקייטן: ער איז א מיטארבייטער אין פארשידענע צייטונגען און צייט־שריפטן, און מיט א באזונדערן כח, האט מענדעלע זיך גענומען איבערזעצן זיינע שריפטן פון אידיש אויף עברית.—די שרעקלעכע פאגראמען אין אקטאבער 1905, האט זיך ווי א דונער ארויפגעלאזן אויף דער אידישער גאס, און מענדעלע איז דאן, מיט א צעבראכן הארץ אריבער אין דער שווייץ אויף א פאר יאר. אין זיין רייזע אויף צוריק, האט ער באזוכט איניקע שטעט: ווילנע, ביאליסטאק, ווארשא, לאדזש. די אויפנאמע פון דער הארטיקער אידישער באפעלקערונג איז געווען א טריומף, די אידישע מאסן האבן באוויזן ווי צו שעצן אזוינע געניאלע שאפער ווי מענדעלע. אין יאר 1910 איז געפייערט געווארן מיט גרויס פאראד דער 75 יעריקער געבוירן טאג פונעם זיידן און צוזאמען דער 50 יעריקער יובילעיום פון זיין ליטע־ראריישער טעטיקייט; עס זענען געמאכט געווארן פייערליכע אווענטן לכבוד דעם יובילאר און כמעט אלע לענדער וואו עס קלאפט א אידיש הארץ: יעדער איז געווען שטאלץ צו זיין אן איניקל פון אזא זיידן! מע פלעגט אבער, שוין אין דער לעצטער צייט באמערקן סימנים פון מידיקייט אויפן זיידן, דאך האט מענדעלע ניט געוואלט זיך אונטערגעבן זיין עלטער און אפילו געווען ניט צופרידן ווען מ׳פלעגט אים דערמאנען זיינע יארן . . .

מע דערציילט אז אויף דער חתונה פון זיינס אן איניקל, האט דער אדע־סער רב ר׳ פאלינקאווסקי, אויסגעשטעלט ביי דער חופה די מחותנים, יעדן געגעבן זיין ארט:—און דא—האט ער צוגעגעבן—וועט שטען דער זיידע!. . .

— רבי!—האט מענדעלע, ווי ברוגז, א זאג געטאן—איר רופט מיך „זיידע" . . כ׳בין דאך יונגער פון אייך! . איך האב אייך געמעגט רופן זיידע . . אמת—האט דער רב גענטפערט—איך בין אויך א זיידע, אבער נאר צו מיינע איניקלעך! איר אבער זענט „זיידע" צו אלע אידן . .—אלע אידישע קינדער זענען אייערע איניקלעך!

דער ריז פון דער אידישער ליטעראטור איז די לעצטע צייט געווארן אלץ שוואכער. די עטליכע וואכן פאר זיין פטירה איז דער זיידע שוין געלעגן צו בעט כמעט אן באוועגונג, און דעם כ״ג כסלו תרע״ח—נאוועמבער 1917—צוויי טעג פאר חנוכה—איז מענדעלע מוכר ספרים נפטר געווארן אין דער עלטער פון 82 יאר!

אייביקע עהרע זיין אנדיינק, אים, דער שאפער פון דער נייער אידי־שער שפראך פון ליטעראטור, דער קינסטלער פונעם אידישן ווארט און לעבן, אים, מענדעלע מוכר ספרים, דער גאון פונעם אידישן פאלק!





## אברהם רייזען

די גריכישער פילאלאגיע, באצייכנט דעם ים, די טרערן פון סאטירן. די יידישע פאעזיע איז א ים מיט טרערן פון יידישן פאלק, ראזענפעלד, פרץ, רייזען, פרקס, „דריי נייטארנס, ראזענפיעלדס, „טרערן מיליאנער" רייזענס „העמערל העמערל" דריקן אויס די ליידן פונם פאלק. רייזען איז געבוירן אין קיידאנאוו נעבן ווילנע, א קליין שטעטל, ארימקייט, פארגרעבט־קייט, אונטערן רעזשים פונם צאר און אנטיסעמיטן; דארט געפינט זיך א משפחה מיט יידישע קולטור און טראדיציע, דאס איז, די רייזענס. אברהם רייזען איז א לערער, ער שרייבט צו דינעזאנען, זיין פאטער לייענט די „הצפירה" „המליץ" און אין דעם „המליץ" לייענט ער, אז אין ווארשע הייבט אן ערשיינען א סעריע ביכער און זאמלביכער פון איינעם א שרייבער וואס הייסט. י. ל. פרץ, ער רייזען אין זיינע זכרונות וועגן פרצן שרייבט: דער נאמען פרץ איז מיר געווען גוט באקאנט, און עטליכע העברעאישע לידער וואס כ׳האב געליינט אין דעם זאמלבוך: „כנסת ישראל: איז מיר געווען א חדוש, אז א העברעאישער משורר זאל ארויסגעבן יידישע ביכער, איך האב גלייך בשתיקה פון טאטן אהינגעשיקט צענדליק לידער דרצו א קליינע ערציילונג: „נאר א גאלדענער זייגער" א סאטירע אויף א תחן־בחור וואס וויל דוקא א כלה מיט אסך נדן און א גאלדענעם זייגער. דאס האב איך געשיקטצו פרצן, יעקב דינעזאן האט מיך שוין פון לאנג געקאנט, ער האט מיר געשיקט זיין: „אבן נגף" כ׳שרייב אים אז כ׳בין א סאלדאט, אבער דאס גייט אים ניט אן, ער שרייבט נאר וועגן די לידער: אייער ליד „פון חומש" אויסגעצייכנט, א פרייליכער טאג געווען דאמאלט, דאס ערשטע מאל פון פרצן אזא ווארט: **אויסגעצייכנט**!

רייזען איז געווען א ליריקער, גלייכצייטיק א דערציילער, זיין בארימט ליד: „מאי קמשמע לן" איז פול מיט הארץ או טרערן, איבער דער גאנצער יידישער וועלט האט מע דאס ליד געזינגען, אין יענער צייט איז די יידישע ליטעראטור געווען באאיינפלוסט פון דער אייראפעאישער ליטעראטור, פרץ איז געווען באאיינפלוסט פון קאראלענקא און וויסמיאנסקי, שלום עליכם, פון גאגאלן און דיקענסאן, בערגעלסאן פון טשעכאוון און טורגעניעוו, אויך די פאעזיע האט געהאט שטארקע איינפליסן, ראזענפיעלד פון היינען, ביאליק פון לאמאנאסאוון און לערמאנטאוו, אויך רייזען איז געווען באאיינפליסט פון אלעקסאנדער פעט, וועלכער האט באזינגען דאס ארימע און פאר־שמאכטע לעבן פון רוסישן ארבעטער, זיין פאטער איז געווען א משכיל, געקענט גוט די וועלט־ליטעראטור.

ווען רייזען איז געקומען קיין ווארשע איז איינגעשטאנען אין א יידישן האטעל האט ער דערציילט דעם אייגנטימער פון האטעל אז ער גייט זען א זער וויכטיקן מענטש, פרץ הייסט ער, דער בעל־בית האט געקענט פרצן פון לעזן און צו אים געזאגט: יא, זער א וויכטיקער מענש! דארט

איז געזעסן א חסיד מיט אלאנגע קאפאטע און פיאות, האט ער כסדר געברומט: א גרויסער אפיקורס! מיר איז ניט איינגעפאלן אז שפעטער וועט פרץ ווערן מיטן חסיד אזוי נאנט, א דאנק זיינע מעשהלעך, דאס איז הערש דוד באמבערג. ביי פרצן טרעפט ער דינעזאן, דינעזאן איז זער פריינדליך מיט מיר, שרייבט רייזען, פרץ באקענט מיר מיט באמבערגן, רייזען שרייבט: איך דערשפיר, אז אט דער קליינגעוויקסיקער בחור מיטן שיינעם בלאנדן קאפ מיט גראע מיסטישע אויגן איז זער א וויכטיקער מענטש. א סימן אז פרץ רעדט מיט אים ווי מיט א גלייכן, איך נעם פון אים ניט אראפ די אויגן. רייזען האט געוויינט מיט אשן און יעדן טאג האט ער זיך געזען מיט באמבערגן, יעדן צווייטן דריטן טאג האבן זיי באזוכט פרצן, יעדן טאג וואס זיי האבן באזוכט פרצן איז געווען ביי זיי א יום־טוב. אז מע האט פרצן ארעסטירט, האט באמבערג אנגעשריבן א ליד: עס יאגן, עס לויפן שווארצע וואלקן.

זייט די צייט פון פרצן, איז רייזען בארימט געווארן אין דער יידישע וועלט אלס גרויסער פאעט און שרייבער. ער פארלאזט פוילן און פארט קיין אמעריקע, ווי ער ווערט בארימט, זיין ערשטע אמעריקאנער דער־ציילונג הייסט: „דער פאפולערער מאן“ ווי ער באשרייבט דאס אמעריקאנער יידישע לעבן, אויך האט אנגעשריבן אסך לידער און פאעמען און דערציילונגען וואס געהערן צו דער יידישער קלאסישער ליטעראטור.

פסח צפנת

## און דאס איז ניט קיין חלום

איך האב געזעען קלעטערן א חלום
איבער בערג און איבער שטיינער,
אנגעטון אין פלייש און בלוט,
אנגעטון אין הויט און ביינער.
און ניט חלומדיק איז מיין חלום —
הענט זיינען הענט און פליגל פליגלען!
און זיינע פלאטערדיקע אויגן
הימלען טוען זיך שפיגלען!

האב איך געזעען אים קלעטערן
מיט ברייטע טריט, מיט אויסגעשפרייטע הענט,
און האב מיין חלום דארט דערקענט,
בויענדיק א טיפן פונדאמענט.



און געזעען האב איך א חלום האט זיך אויפגעכאפט,
האבן זיך דערשראקן און אנטלאפן די שאקאלן,
אין באר־שבע האב איך אים געזעען
ברענגען וואסער, גראבנדיק קאנאלן.

מיט מילך און האניק און קבוץ,
מיט פיש, אינדיקעס און הינער,
ברענגען ליכט אין דער פינסטער פון דעם מדבר,
וואו עס שלאפן בעדואינער.

און ניט קיין חלום איז מיין חלום,
קרית־שמונה און תל־חי,
וואקסן דורות פריי,
און עם ישראל חי!

הערי פאצאנאווסקי

## „רחל מבכה על בניה“

ליגט די מאמע רחל אין קבר
און גיסט מיט טרערן:
ווען וועט שוין א סוף צו די צרות
פון אירע קינדער ווערן?

שוין צוויי טויזנט יאר
מנוחה קיין מינוט,
ווי קען זי האבן מנוחה,
אז מען פארגיסט אירע קינדערס בלוט?!

די „עיר־הקודש ירושלים“
פון איר קבר נישט ווייט,
געקומען זענען אירע קינדער
פון נאענט און ווייט;

צו לעבן אין שלום,
נישט מער נע־ונד צו זיין,
וואו מען לאזט נישט לעבן
און אויך נישט אויסגיין.

„עוד לא אבדה תקותינו“
זינגען האבן מיר נישט אויפגעהערט,
און מיר וועלן זינגען ביז מיר אלע וועלן זיין
אויף אונזער אייגענער ערד.

אזוי, מאמע רחל,
און דיין קבר טו רוען,
ווען מען דארף ראטעווען דיינע קינדער,
קען מען פינף טויזנט מייל פליען!

דוד זיידענפעלד

## דריי הונדערט יאר

ארעמער קראמוועל, ווי זענען זיינע ביינער?
און מנשה בן ישראל וווּ איז ער?
און זיין אייגנעם גן־עדן, יעדער איינער,
לאזט פאלן, אראפ, זיינע אייגענע טרער.

ארעמע יידן, פון יענע אלטע צייטן,
ווו איז צעשפרייט זייער יידיש געביין?
דריי הונדערט יאר און די ריטער נאך רייטן . . .
צום הימל נאך וויינט דאס דורות־געוויין . . .

א. נ. שטענצל

## ווייטשעפל ווען כ׳בין געקומען

ס׳איז מיר געווען אוממעגלעך, בעסער געזאגט נישט באקוועם, צו בלייבן ווייטער וואוינען אויף דער דירה; ביי מיין בעסטן ווילן און היימיש מיך איינלעבן. און אפשר טאקע דווקא איבער דעם לעצטן. מ׳האט שוין אין הויז אנגעהייבן וויסן, אז די לידלעך פרייטאג אין דער „צייט“ זיינען דאס פון מיר. און איבער מיינע עסייען מאנכעסמאל האבן רבנישע געסט, וואס האבן זיך געדרייט דא אין הויז, גענומען דיסקוטירן מיט מיר. און גלאט געזוכט צו כאפן א שמועס, און ס׳האט זיך געקאנט פארציען ביז־געלע עלות השחר.

און על כולם קריסטאבעל פאולער, וואס פלעגט אין די „וויק־ענדס“ אהערקומען פון ליווערפול.—גיי ברענג זי אהער אין א רבניש הויז און אין א לאנגער, קאלטער שטיב אריין איבער א בית־מדרשל . .



איינעם אזא שמועס פון א נאנטן פריינט פון מיין רבנישן בעל־הבית, א רב, וואס האט שטארק געהאלטן פון שיחתן של תלמידי חכמים, לאמיך כאטש איבערדערציילן, כדי ס׳זאל בלייבן לזכרון:

עס איז געווען אין דער דינאסטיע־עפאכע פון ד״ר הערמאן אדלער, וואס האט ממש געהאט א שנאה צו „אסט־יודן“ — די טראדיציע פון די אמאליקע דייטשע יאהודים; ער אליין איז געווען אן האנאוועראנער . . .

זיינע יום־כפור דרשות זיינען ממש געווען א חוזקדיק אפשפאטן פון יידיש — פון „זשארגאן“!

און מעשה שהיה כך היה:

אז א מזרח־אייראפעאיש רבל פלעגט קומען קיין ווייטשעפל מיט דער דעה אפשר דא צו גרינדן א מין יידישלעכע קהלה, עפענען א שטיקל בית־מדרשל—ווייטשעפל ווערט דאך א עיר ואם בישראל!—איז זיין ערש־טער באזוך נאטירלעך קודם געווען ביים טשיף־ראביי, ד״ר הערמאן אדלער הכוהן, שליט״א. פלעגט ד״ר אדלער צו אים זאגן: „איר זעט דאך וואס אין דעם עיר מקלט טוט זיך, די שטיינער דא זיינען דאך טריפה . . . און מיט געמאכטן רחמנות־ניגון גיט ער צו איך פארשטיי איר ברויכט התונה צו מאכן א טאכטער. איז נאט אייך פון מיר א פינף און צוואנציקער און פארט אהיים ולחיים ולשלום“. . .

אזא היימישער רב, א צעבראכענער ייד, טאפט דעם שווער־פונטיקן פינף און צוואנציקער אין יענע יארן א נדן פאר א פארזעסענער טאכטער . . און באמת וואס וועט ער זיך דא נאך לענגער ארומדרייען.—בטול־תורה! האט ער איינגעפאקט ס׳פעקל און איז אהיימגעפארן.

איינמאל קומט ארויף צו ד״ר אדלערן א רב, וואס האט באמת גע־מיינט תכלית, טאקע יידישן תכלית: א וואקסנדיקער יידיש־ריידנדיקער ישוב, קיין עין־הרע, טויזנטער, טויזנטער יידן, ס׳בענקט נאך א שטיקל „עין־יעקב“ א דרשה מיט א יידיש משל, א ייד וויל וויסן א דין פון „חיי אדם“ צי גלאט שבת פארנאכט א היימיש שטיקל שלוש־סעודות ביי א כזית חלה — א חסידישן־ניגון, א רביש־ווארט.

ד״ר אדלער זאגט אים זיין „געמאכטן“ פזמון. נעמט ער צו דעם פינף און צוואנציקער, גייט אין גאס אראפ און טרעפט א צוויי־דריי היימישע יידן, דינגט א באקוועמע דירה פון א צוויי־דריי גרויסע שטובן — ר׳האט דאך א פינף און צוואנציקער אין טאש!—און שטעלט צוזאם א היימיש בית־מדרשל.

מאכט זיך א מעשה, איינער פון די בית־מדרש יידן מאכט א ברית. קומט ער צום רב מכבד זיין מיטסנדקאות. דער רב, א קלוגער ייד, זאגט צום בעל־ברית „אמבעסטן גייט ארויף צום טשיף־ראביי און זייט אים מכבד: סנדקאות געהער צום שטאט־רב“—ער ווייסט, ער האט עס ארויס־געהערט פון זיין געמאכטן פזמון, אז אזא ד״ר אדלער הכהן שליט״א, איז קאפאבל פאר אזא חטא אים לאזן ארויסשיקן פון דער מדינה.

אין דער מו״א דאתרא איז טאקע געקומען אויפן ברית און דערזעען דאס רבל. גייט ער צו אים צו מיט זיין „פזמון“־שמייכל: „איר זענט נאך אלץ דא אין דעם עיר־מקלט?“ דער רב האט אים אנגעקוקט מיט אפאר שארפע תלמיד־חכם־אויגן: „עד שימות הכהן הגדול“ הזה.

דער „פזמון“־שמייכל איז שנעל אראפ פון זיינע ליפן און נאך פלינקער האט ער זיך פון דער ארעמער יולדת־שטוב א דריי־ארויס געגעבן, אין בעל־הסנדק איז טאקע געווען דער רב פונם בית־מדרשל און מ׳האט געפראוועט א ברית, אויף אלע יידישע קינדער געזאגט!

זייט דעמלט האט ד״ר הערמאן אדלערס חוכא וטלולא איבער יידיש־„זשארגאן“ אויפגעהערט אין זיין נעילה־דרשה . . .

* * *

אין איינעם א מאנטאג, ווען כ׳פלעג ארויפברענגען אין דער רעדאקציע אריין א ליד אדער אן עסיי, טרעף איך דעם בחור־הזעצער אין א פריילעכער שטימונג: „איך האב חתונה די וואך און לאד אייך איין אויף דער שמחה! נעבנביי, מ׳האט מיר געזאגט, אז איר זוכט א דירה. אויב איר ווילט, קאנט איר דינגען מיינע. איך צי מיך ארויס די קומענדיקע וואך“.

ווען ער איז אהיימגעגאנגען, בין איך מיט אים מיטגעגאנגען. ס׳איז געווען אין ספיטל־סטריט — נישט דאס היינטיקע ספיטל־סטריט מיט פינף־זעקס שטאקיקע הייזער! א געסעלע צווישן געסעלעך, וואס שטראלן בין־השמשותדיק ארויס פון שקיעה־פארוואלקנטן בריק־ליין.

א ריי נידריקע הייזעלעך, איינס ביי איינס געטוליעט צום אנדערן אין אלע באוווינט מיט יידן—דער ארום האט געאטעמט מיט היימישקייט —אפילו די קאטוילישע קירכע הינטער זיי . . . מ׳האט געעפנט די טיר און מ׳איז דירעקט אריינגעפאלן אין דער שטוב אריין דער פאטער, א היימישער בית־מדרש ייד, וואס האט זיך שוין די אויגן „ארויסגענומען“ מיט דער נאדל. די מאמע, אן אפגעמוטשעטע, פרום־שמייכלדיקע יידענע. דער פאטער, שוין א געוואשענער צום עסן, זיצט ביים טיש. ער קייעט נאך דעם המוציא־ביסן און די מוטער מישט נאך מיטן לעפל אין טאפ יושקע אויפן אויוון.

דער בחור־הזעצער אריינפאלנדיק אין שטוב אריין, פלאצט פריילעך ארויס: „מאמע, כהאב א יונגערמאן פאר דער שטוב“.

די מוטער נעמט ווישן די הענט אין דער שירץ און מעסט מיך אן מיט מחתנתטע אויגן: „דאס איז נישט פאר דעם יונגערמאן. ווער וועט אים נאכקוקן? וואו וועט ער קריכן“— — —

„אט טאקע די וואוינונג“ האט ער נישט געלאזט דער מוטער ענדיקן, „איז פונקט צוגעפאסט פאר אים. ער וועט טאקע זיין נענטער צום הימל“. אין צו מיר ווענט ער זיך, ווייזנדיק, א ווינקל נישט ווייט פון דער טיר אין הויף אריין, „איר זעט, חבר שטענצל, מיט דער לייטער, וואס שטייט דארט, קריכט מען ארויף און אין דריי שריט איז מען אויבן! איר זעט



אט די פירטקע אויבן אויפן באלטן?“

„שלום עליכם איר זענט דאס דער שטענצל? כ׳האב דעם כבוד אייך קענען צו לערנען“. שטעלט ער זיך אויף, „אבער די האנט קאן איך אייך נישט געבן . . . ווייסט איר וואס, וואשט אייך אין קומט מיטעסן“.

אין די מוטער שטייט שוין ביים טיש, ווישנדיק זיך די הענט. „ווייסט איר וואס, זאגט זי מיט קלוגע יידישע אויגן, מיר קאנען באלד מיטמאכן דעם פרייז, דאס דירה־געלט מיט מיטאגן א וואך 10 און א האלבן שילינג — א האלבע גינע.

„זכה לו:“ זאג איך, לאכנדיק. „וואס קאן זיין בעסער ווי א ביסל היימישע יושקע?“ און איך אטעם שוין די פארע, וואס דאמפט ווי א ריח נחוח פון דאמפנדיק טעלער, וואס שטייט מיר פאר די אויגן.

אויבן אין דעם בוידעם־שטיבל, ארויפקלעטערנדיק אויף דער לייטער פון דער קיך־עס־שלעף־שטוב, האב איך געשריבן מיין בוך „עפל“—אפשר מיין בעסט ביכל לידער געשריבן אין ווייטשעפל. דרויסן אויפן הויפל האט מען שוין געזעען דעם גארטן, וואס איז געשטאנען אן עפל־צעבליטער, מיטן הינטן צו דער אפיצינע פון „די הייליקע שוועסטערן“. דערפילט דעם גלחס גארטן פון דער היים—אפילו געהערט זיין הונטס בילן . . .

דארט האב איך געשריבן „די סוף־זומער פערזן“—„אין א ווייטשעפל געסל“—מיט א צייכנונג אויפן שער־בלאט פון א תלמיד פון די יידיש־וועלטלעכע שולע ביים ארבעטער־רינג — פון דעם 12 יאריק מאטל בראד (דאכט זיך מאטל.)

לאמיך כאטש ציטירן פיר שורות פונם ביכל „סוף־זומער פערזן“, פינפטע סטראפע פון קאפיטל צוועלף:

דא א שניידער־מאשין, דארטן א שוסטער־האמער,
און וואלט מען אויף פעלדער און אין מינען אונז געלאזט,
וואלט שוין זיכער דעמלט נישט אויסגעפעלט אין קיין שטוב
א שטיקל ברויט צו גאר אביסל קוילן אין שארפער פראסט.

* * *

דאס געסל, הייזל ביי הייזל איינשטאקיק, באזעצט מיט לויטער יידן. יעדן פרימארגן א לויפנדיק געגיי צו דער ארבעט; יעדן אוונט א מיד, באמעלעך צוריקקומען. א גאנצן טאג א שטראלנדיקע שטילקייט אין מיין בוידים־שטיבל. שבת זיינען די שכנטעס געזעסן, נאך א לאנגן דושים, פאר די טירן אויף די בענקלעך ווי ביי מענדעלע אויף דער פריזבע און זיך איבערדערציילט פון ערשטן הייזל ביזן לעצטן, און אין די געסלעך, זיך ציענדיק צו בריק־ליין, איז געווען א געגיי פון יידן צו הערן דעם מגיד אין מחזיקי־הדת בית־המדרש — מ׳האט געפילט דעם טעם: „בא שבת בא מנוחה“ — די פסיעות קטנות האט דאס ניגנדל פון „מנוחה־שמחה“.

א גאנצע וואך האט מען אין מחזיקי־הדת געדאווענט צוואנציק שעה אין מעת־לעת—פון צוועלף ביז צווי נאך האלבער נאכט זיינען די טאקסי־

שאפערן קדיש־זאגערס פון גאנץ לאנדאן געקומען, בלאזנדיק מיט זייערע ש'פרס.

אין דער פרי, אזייגער זעקס, די מאשינערס און די פרעסערס, לויפנ־דיק צו דער ווייטשעפלער שניידער־פאבריק, האט מען זעקס אזייגער אין דער פרי ארייננעכאפט א קדיש. ביי קאסאפן א ראזעוואנע ברויט, א היי־מישע בייגל, און געוועלבל דאנעבן א בלאט־צייטונג — „די צייט".

א צען שריט פון דא, איז גרעיט־גארדן סטריט, איז טאקע די שניידער־יוניע; א צען מינוט פון דא—דער ארבעטער־רינג, מיט זיינע קאמוניסטישע־בונדיסטישע בראנטשעס; א פינף מינוט פון דא, אויפן אפענעם ווייטשעפל, דער אנארכיסטישער קלוב—אבער קדיש איז קדיש!

ווען איך בין, מיט פערציק יאר צוריק, געקומען קיין ווייטשעפל, האבן אין דער געגנט ארום געוואוינט אן ערך 60 ביז 70 טויזנט יידן, פרומע, נישט פרומע. אבער אין יעדן שולעכל, א רב אדער א מגיד. תלמוד־תורה'ס, היימישע חדרים, א ישיבה—דער היינטיקער טשיף ראביי שטאמט פון אט דער ישיבה. די יידישע שולע ביים ארבעטער־רינג, א „רידינג רום"—לייען זאאל—, א עברית־בעברית תלמוד תורה און צענדליקער שטעטלדיקע „לאנדסמאנשאפטן". אין ארבעטער־רינג אלע מאנטיק און דאנערשטיק — לעקציעס, רעדעס, דיסקוסיעס.

° ° °

אין מיין געסל, אין צווייטן הויז פון מיינעם, איז געשטארבן אן אלטע פרוי. איז געקומען דער רבי פון טישלער־שולעכל זי מספיד זיין. דאס ספיטאל געסל ציט זיך אין דער טישלער־געגנט אריין. די ווייבער זיינען געשטאנען ארום דער געשטארבענע און האבן זי באוויינט ווי א כלה:

„איז די אכציק יאריקע פון אכציק יאריקן,
שטילינק אוועקגעשטארבן, אקארשט יעצט,
איז דער אכציק־יאריקער ווי א חתן ביי איר געזעסן,
און די שכנות האבן זי ווי א יונגע כלה באזעצט
—„סוף זומער פערזן", קאפיטל יא, סטראפע איינס—

נאך דער לוויה האט דער רבי מיך מיטגענומען אין זיין טישלער־שולעכל פון ששה קרשים; טאקע נאר אין שויבן־שענקל עס ארייננצושטעלן. ווי אין פסוק שטייט: „בצלאל ואהליאב וכל חכם לב" האבן זיך אויפגעבויט א שולעכל פון ששה קרשים; טאקע נאר אין שויבן־שענקל עס ארייננצושטעלן.

יעצט פוסטעוועט עס א גאנצע וואך, קוים א מנין שבת צונויפצושלעפן —אפילו א באצאלטן מנין־ייד איז שוין קוים מיט צרות צו געפינען יעצט דא.

אזוי זעט איצט אויס דאס גאנצע יידישע ווייטשעפל. דאס מחזיקי־הדת בית־המדרש איז אייך שוין אין אן אראבישער מאשעע פארוואנדלט געווארן.

די ישיבה עץ־חיים איז אויסגעריסן ממש מיט שורש—קיין אייך הייזל נישט אין גאנצן געסל—און אין די גאנצע געסלעך ארום וואס האט געגרויסט ווי א וואלד—מ'זאל א מנין־יידן זיך צוזאמענשטעלן . . .






שער־בלאט סוף־זומער־פערזן בראט

א, די יידישע שול אין די זונטיקס ביים „יידישן ארבעטער רינג“ אין דער עלי סטריט־ווייטשעפל — עלי עלי „למה עזבתני“?

ס׳איז געווען א יום־טוב דאס פרייליכע, לאכנדיקע געלויף אויף די שטיגן, דאס גאנצע געסל איז געווען פול מיט יידיש, מיט פרייד מיט געזאנג — מיט רעפעטיציעס פאר חנוכה, פאר פורים, פארן ערשטן מאי — די טאטעס, די מאמעס, די פרויען סעקציע, אלע פארשידענע דעמלט אין גרויסע משפחה.

אין יענעם זומער, איך שטיי אין הייד־פארק און הער מיך צו צו א רעדנער, שרייט א שונא־ישראל צו אים צו א היטלער־ווארט איבער יידן. האט דער רעדנער שטאלץ אויסגעשריגן, „פערציק טויזנט יידן גייען יעדן טאג ארויס צו דער ארבעט אין ווייטשעפל!“—דער שרייער איז שטום געווארן—איבערן הײדפארק האט געשוועבט א הייליקע שטילקייט . . .

## א גאון געלעבט דא אין ווייטשעפל

געלעבט האט אין ווייטשעפל א גאון,
ארעם געמיסחרט מיט אלטע שמאטעס;
צו „באקליידן“ א רבנות שטעלע דא,
מוז מען שוין ליידער קאנען נאך עפעס . . .

ס׳געגוט נישט ש״ס בבלי און ירושלמי,
ראשונים און אחרונים אויפן קאפ,
און שאלות ותשובות ויך געשריבן
מיט אלע גרעסטע גדולי הדור.

אין יענע טעג דא אים אנגעטראפן —
די ברענענדיקע קרעמאטאריע טעג:
א פאק אונטער ארעם, ווי א ספר,
די ליפן מורמלען, דער שטערן קנייטש זיך.

ער לויפט ווו גיך, ווי א געהעצטער הערש,
איך נאך אים נאך ווילדער און שטעל אים אפ:
„עפעס וויכטיקס האב איך אייך צו פרעגן,
כ׳בעט אייך וויאזוי קאן ג־אט צוקוקן“?

„פארדרייט מיר נישט דעם“! קוקן אויף מיר,
צוויי ווילד אייגן צארן־פארצערטע,
און רייסן מיך איבער אינמיטן זאץ,
מיט א חלף א שארף געשליפענעם:



„ווייסט איר וואס די הייליקע גמרא זאגט?
ג־אט דווקא אונז געגעבן די תורה,
ווייל מיר א שרעקלעך אומה ולשון — —
המאור שבה יחזרם למוטב“!

ער האט זיך צעוויינט און איז אנטלאפן.

## אן אלטע ווייטשעפלער יידענע

„עלעפאנט דורך נאדל־לעכל דורכציען“?
זע, מיר האבן זיך דא אדורכגעצויגן!
ביי א נאפט לעמפל, ביי א גאז־פלעמל,
וויפיל בלינד זיך אויסגעטריפט די אויגן.

און וויפיל בלאזנדיק דאס פרעסאייזן,
זיך אויסגעבלאזן דאס הארץ, די לונגען;
וויפיל נישט פארגינערישקייט צו אונז,
איינעם עפעס דאך דערגרייכן עפעס געלונגען.

ווייטשעפל און דיינע מארק־סטראגאנעס,
דערזען כ׳האב נאך דיינע מדבר־געצעלטן,
נאך ארץ־ישראל צוריקצוקומען — —
ווי האבן מיר דאס דא איינגעלייגט וועלטן.

יא, די באלפור־דעקלעראציע דעמלט,
פאר די ווייטשעפלער יידן געווען?
טאקע צו ראטשילדן זי אדרעסירט — —
האט עמך אן אדרעס? קאן ענגליש לעזן?

געטראפן אויף ווייטשעפל א יידענע:
„קינג דזשארדזש הייזן מיין טאטע געטון פרעסן,“
א נייעם מענטש דערזען ז׳מוז׳ס דערציילן,
יענע פרייד, פאטער׳ס זי קאן נישט פארגעסן.

„יא, כזאל נישט פארגעסן: מיין ברידערס זון,
און די צוויי איידעמס זייערע ביידע,
דאקטוירים, פראפעסארן, אדוואקאטן,
אין פארלאמענט די גרעסטע דעפוטאטן.“

אזוי באגלייט זי מיך שוין גאנצן מארק,
און זי הערט נישט אויף א רגע צו ריידן:
„ז׳וואלטן דאך געגאנגען נאך אין לאכעס,
וועו נישט מיר זיי דא געטון טון באקליידן".

## דער לעצטער ווייטשעפלער אנארכיסט

זומער, ווילאנג די טעג זיך נישט ציען,
גאנצע טעג אין גערטנדל ער זיצט,
אפגעזגאיעט דאס אנבייסצל קוים,
הנאהדיק אין דער זון מען שוויצט.

א גרינער בוים, א פויגל,
אונטערגעברומט עדלשטאטס א ליד;
די לאנגע קאלטע ווינטער טעג אבער,
ווי דער יידישער גלות זיך ציט.

א, די זיך ציענדיק ווינטער נעכט,
ביז „זיי" קומען פון „קנייפע" צוריק,
צי גאר דערינען ביים קריסטמעס־בוים — —
דורך וואנט געזאנג זשימיעט זיין בליק —

דער לאטקע טעם וואסערט אים אין מויל!
קיין פריינט, די אלטישקע טייט, קיין קינד,
אין גאנץ ווייטשעפל קיין איין היימישער
כשרער רעסטאראן זיך נישט געפינט.

וואלט ער געקענט זיך קארטן לייגן,
געלייגט זיי טאג און נאכט נאכאנאנד —
די נעכט ציען זיך ווי דער גלות לאנג,
כאטש נעם אין שאלג דעם קאפ אין דער וואנט.

וואלט ער אויף פערד, צי כאטש אויף הינט געשטעלט,
אויף וואס צו ווארטן ער וואלט געהאט;
ער דערמאנט זיך אינם ערשטן מאי,
אין ערשטער ריי, אין רויטן קראוואט — — — —

ער וועט שוין נישט זיצן אין גערטנדל,
קרעמירט, מצבה־ברעטל צומאל — —



ווי ער שטייט מיר פאר די אויגן, זאלן
די שורות זיין נאך אים א הענקמאל.

## דער ווייטשעפלער יידישער פראלעטעריאט

צוויי בונדיסטן, איין קאמוניסט,
דעם פערטן פרעג בחרם — א יאט!
דאס מישטיינסגעזאגט געבליבן —
פון יידישן דא פראלעטעריאט.

יא, עפעס דרייט זיך נאך איינער,
מיט בייכל אנגעפאשעטן זאט,
ר׳ווארפט צו א פונט פאר כל ישראל —
איז ער איצט א חב"ד, א בח"ד?

די גרויס און הויך אינטעליגענץ,
לעזט שוין אן ענגלישן ציטונגבלאט —
ס׳ריכטיקע פערד צו געפינען,
אדער א הינט וואס דערלויפט כמעט.

ליטעראטור, שמור, ווייס איך וואס?
א מזומן צו א קערטל — — „באט":
יום־כיפור מ׳טרעפט זיך ביי יזכור,
און מען דערפרייט זיך מיט א נש־בראט — —

דאס מ׳שטיינגעזאגט געבליבן,
פון ווייטשעפלער פראלעטעריאט.
טאקע ווייט אנטלאפן פון אונז,
אבער נישט חלילה צו שמד.

## צו די „30 פראצענט אנטלויפערס"

ווי מען לויפט דאס אצינד פון אונז,
אז מ׳דארף זיך צומאל נישט טויפן — —
מאנכע ווארפן א לעצט־געלד צו,
אין ישראל־פושקע ביים אנטלויפן.

זייערע קינדער וועלן שוין,
מיט פאגראמשטיקעס צוזאם זויפן;

שחטן יידן און זיי ווארפן,
אין פלאמענדיקע שייטער־הויפן.

איילט זיך, וואס שנעלער, וואס גיכער,
חלילה־וחס נישט פארזוימען
און קריכן צוזאמען מיט אונז —
דורך הייכן קרעמאטאריע קוימען.

שנעלער געלאפן, גיך געשווינד,
געשפרונגען איבער טיפע תהומען — —
האבן אזעלכע צווישן אונז,
ס׳שוידער צומאל דערפין צו טרוימען.

א, ווי שווער ס׳איז צו זיין א ייד,
א מענטש צו זיין ס׳איז גארנישט גרינגער!
„קאן א נעגער זיין הויט טוישן?"
(שוין געזונגען א נביא זינגער).

פונקט אזוי־א א ייד זיין הארץ!
אלע מיתות איף זיך גענומען,
א ייד — קדוש, קדוש, קדוש!
ווען אין גאז־קאמער אומגעקומען.

## צו זינגען מיטן ניגון פון „מה־יפית"

וואס געווען אן מיין לידל?
א שמוציק אן א פידל,
א כעסן פול געזידל.

אז אלע סטרונעס רייסן,
די ציין ליפן צעבייסן,
מ׳גייט אפ אין לעצטע שווייסן —

די הארץ־קווינטע פארצויגן!
מיך איבער מיר געפלויגן!!
ריטם קאפען די אויגן — —

איי נישטא ווער ס׳זאל הערן?
פרצ׳ס „באס־גייגער" ווערן,



וואס שפילט שוין פאר די שטערן — — — —

ווי ער בליק כ׳טו אויפהייבן,
און כ׳קוק צום הימל אויבן,
מיין הארץ ווערט פול מיט גלויבן —

וואס ווערן פון מייך לידל?
אנקלאפן אין בייזשטידל,
קושן עפעס א יידל?
איז עס דער טייפל, אשמדי, דער שטן?
אין געסל מיין נאכשלעפנדיקער שאטן

אז לילית און אשמדאי זיך פארן,
ווערן געבוירן לאפיטוטן,
און מיט זייערע ניאניעס זיי האלטן רק
אין איין פלאנטערן פלושן פלוטן.

און ווען זיי וואקסן גרויס אויס, ווערן זיי
די טייוולאנים, רוחות און שדים,
זיי־א פלאדיען דאס אן די ממזרים
פין די זדים און פון די „חרדים".

מימות עולם פירט זיך שוין אזוי,
ס׳איז לגמרי גארנישט צו מאכן;
מען מוז נאר האבן אין זיך די כחות,
זיך צוצוקוקן און צו לאכן.

גיי, מאך עפעס מיט לאפיטוטן, אז
זיי קריכן דיר אין די געדערעם —
קאנסט קוים דריי מאל אויסשפייען און זאגן:
„גאט, פאר בייזע רוחות באשירעם!"

גיי, שלאג זיך מיט א לאפיטוט, אים
צעקוועטשן יועט ער דיר צושטינקן,
שדים־לאכנדיק פלינק אוועקהינקען
און „אויף ווידערזען" דיר צואווינקען.

א לאפיטוט דאס מיינט חבר־לאפ,
שטעכט אין רוקן און רופט דיך „חבר"

קריכט הינטן נאך הינטיש־שפלדיק,
דיך צו פארגיפטן מיט זיין אוויר.

## און אז ס׳גראמט זיך שוין

(די הקדמה צו די לירישע־פאעמע: למנצח על השמינית־
שבשמינית מזמור. זייטל 49)

און אז עס גראמט זיך שוין, וואס־זשע איז עס דען?
צי איז עס נישט צו באווייזן רק, אז איך קען?
זע, אסך געהויבענער איך בין פון גרויס — —
צי קומט נישט אלצדינג אויפן זעלבן ארויס?

געזען אמאל א פאווע אין א דארף־הויף,
מאיעסטעטיש שפאצירן מיט עק ארויף,
ווי זי איז זיך אזוי געגאנגען שריט ביי שריט,
פון דער גאנצער וועלט איר מיטלפונקט דער מיט.

קוק דיך דאך א קליין ביסעלע בעסער צו
צו דיין אייגענער און אייביקער אומרו,
און אויסגעפינען די סודותדיקע שרעק,
פון וועלכער דו לויפסט כסדר רק אוועק.

יא, גראמען מעגסט ביזגלע מארגן און דער פרי,
גארנישט ארויסקומען פון דיין גאנצער מי — —
אויב דו קענסט נישט בעסער מאכן דיך אליין,
ווילסטו מיט פאווע־פעדער דיך מאכן שיין?

און די תאוה דעמלט ממש יינגליש:
נאך א לידל אריינצוכאפן!
„לשון און לעבן" קענען אפדרוקן,
נאך א העפטל־קונה הערטאפן.

„דריקן", „טאפן" — ווי שיר־השירימדיק:
נישט ערב־לידל־טויט ס׳וואלט געווען —
אויב די אבות ירושה באהאלטן,
ס׳יידיש ליד וועט מוזן לעבן.





## א שונא

— הער מיך אויס, מיין זון — האט מיסטער פערלמאן געזאגט, אננעמענדיק זיין זון דזשאהן ביים ארעם.—ס׳איז נישט פאר מיינעטוועגן; עס איז דיין מאמען צוליב.

— ניין, טאטע — האט דזשאהן געענטפערט, וויסנדיק געררייצט, אז אין קול זיינעם דריקט זיך אויס אביסעלע חוצפה און איבערבלייבעניש פון פריערדיקע מחלוקת, טויטע קליינלעכקייטן. — כ׳האב דיר געזאגט, אז איך וועל עס נישט לאזן מאכן, און א סוף זאל שוין זיין.

דער פאטער האט אים באגלייט לענגאויס א באלויכטענעם קארידאר, פארביי אן אפן ביורא, וואו א נאנע איז געזעסן און געשריבן, וואס איר שלייער האט ארויסגעשטעקט ווי דינע, ווייסע ברעטער ארום איר קאפ, אינטער א קליינער, וואקסענער פיגור פון דער מאדאנא און קינד, העלקאלירט; גאנץ מענטשן־ענלעך, האט ער זיך געטראכט.

— איך פארלאנג דען אסך פון דיר דזשאהן? — האט מיסטער פערלמאן געפרעגט.

— כ׳ווייס עס.

— נאך א זאך — האט מיסטער פערלמאן געזאגט, מיט זיין איידל, הייזעריקן קול—איך מיין, איך דארף דיר דאס נישט זאגן, עס איז נישט היגיעניש.

אין זייך אנגסט זענען זיינע אקסלען געווען נאך מער איינגעבויגן ווי תמיד. ר׳האט געקוקט, נישט אויפן זון, נאר אויף עפעס א פונקט אויף דר׳ערד, איינציקע איילן פאר זיך און זיין טונקל ווייך, יונדיק פנים איז געווען גאנץ גערונצלט, די אויגן טיף און טרויעריק.

— טאטע, כ׳האב מיך שוין גוט פארטראכט דעריבער — האט דער זון געזאגט.—וויאזוי זאלסטו עס דערקלערן? מ׳האט שוין באוויזן פארקערט, עס איז אלטמאדיש.—ר׳איז געווען מיט זעקס צאל העכער פונם טאטן, און זיין הויט איז געווען העל; די ענלעכקייט צווישן זיי איז געלעגן אין די אויגן, אין די שווארצע, קרייזלדיקע האר און דער קורצער קריימינג פון דער נאז. — די גאנצע זאך איז בלויז א באגרינדונג אויף שכל; אין די דרייסיקער און פערציקער׳יארן האט עקזיסטירט א מאניע אזא.

— יא, אבער איך קען דאקטוירים—האט מיסטער פערלמאן געזאגט—גלענצנדיקע מענטשן, וואס האבן עס געלאזט מאכן ביי זייערע קינדער. מעדיציניש: אטייל פון זיי זענען גארנישט געווען קיין יידן. יעדנפאלס, טו עס דער מאמען צוליב; זי האט זיך שוין געמאכט אסך דאגות דעריבער.

— זי האט זיך געמאכט דאגות איבער דעם, וואס אירע פריינט וועלן דענקען.

— דאס איז נישט ריכטיק. דאס איז שוין גארנישט ריכטיק פון איר זייט.

— זי גייט צוויימאל אין יאר אין שול אריין: ראש־השנה און יום־כפור. אן אנדערע נאנע איז פארבייגעגאנגען מיט א שארף, אין ווייסן און אין בלויען. דזשאהן האט איר גיך צוגעווארפן א שמייכעלע, אבער זי איז שוין געווען ווייט אוועק ווען זיין פאטער האט אויפגעהויבן דעם קאפ.

— כ׳וועל מאכן א פשרה מיט דיר—האט ער געזאגט—לאז עס דא מאכן; דארפסט אפילו נישט האבן קיין ברית. אויב די צערעמאניע געפעלט דיר נישט, לאז זשע עס מאכן שטיל, אן טאראראם און קיינער וועט נישט זיין דערביי.

— ס׳האנדלט זיך נישט אין דער צערעמאניע—האט דער זון זיינער געענטפערט, וויסנדיק דערביי, אז מינדעסטנס טיילווייז גייט עס אים יא דערין אדער בעסער געזאגט דאס בילד דערפון האט אים אפגעשטויסן; א קאלטער, שטיינערנער זאאל, בערד, קאפאטעס א זקן מיט א מעסער.

— וואו מען זאל עס נישט מאכן איז עס נישט מער ווי בארבאריש.

— בארבאריש!—האט דער פאטער אויסגעשריגן.—דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט!

אינם פריוואט־צימער, באצירט מיט היאצינטן, רויזן, בלומענטעפ א טעלער פאמעראנצן און וויינטרויבן און פלוימען, האט מרס. פערלמאן זיך אויסגעבויגן פון פארנט אויף איר שטול און געזאגט—זיי א חכמת, מיין טייערע: ער דארף עס גארנישט וויסן. פאר יידן באטייט עס גאר אסך.

איר שנור, א בלאנדינקע, אויפן קישן, האט געשמייכלט און גארנישט געענטפערט בשעת זי האט אזוי געוויגט דאס טונקעלע קינד אויף אירע ארעמס.

— דיין שווער וואלט געווען זער צופרידן דערפון—האט מרס. פערלמאן ווייטער געזאגט.—ביסט דאך א מענטש מיט פארשטאנד; אויב ער וויל זיין א נאר דארפסטו דאך נישט זיין קיין נאר. חוץ־מזה, איז עס דאך ריינער.

— איך קען עס נישט לאזן מאכן, אויב ער וויל עס נישט—האט דאס יונגע ווייבל געזאגט, נאך אלץ שמייכלענדיק צו איר, און מרס. פערלמאן, איר בייניק פנים אנגעצויגן, איר הויך קול ווערנדיק גאר שארף, האט זיך צו איר געוואנדן—האב אין זינען ס׳קינד, מיין ליבע. טראכט נישט בלויז פון אייך אליין, נעמט דאס קינד אין אנבאטראכט. זענט איר דען אים נישט שולדיק א חוב? אבער די שנור אירע האט כסדר געשמייכלט און געשוויגן.

— זיי דו אויך נישט פארעקשנט—האט מרס. פערלמאן ווידער געזאגט.

די שטייפע, אויטאמאטיש זיך־שליסנדיקע טיר האט זיך פלוצלינג א מאך־אויף געטון, און זי האט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט אן איילעק שמייכל.—זע נאר ווי ליבלעך דאס קינד איז, דזשאהן. זענט איר נישט



ביידע געשיקט?

— יא, ליבלעך—האט דער זון איר געענטפערט, און פון זיין איינגעשפארט פנים האט זי שוין פארשטאנען, אז ער האט אפגעזאגט דעם טאטן.

— מיר וועלן אייך איצט איבערלאזן אליין מיין ליבלינג—האט זי געזאגט דעם יונגן ווייבל, איבערבויגנדיק זיך איר צו געבן א קוש—אייך מיט מיין ליבלעכן איניקל.

אייך פערלמאן האט זיך מיט זיי געזעגנט. דאס קינד איז געשלאפן.

— מיר וועלן ווארטן אויף דיר אין אויטא, דזשאהן—האט מרס. פערלמאן געזאגט דעם זון, און אויף א ווײלע איז ער געבליבן מיט זיין ווייב און קינד.

— האט זי זיך גענומען צו דיר?—האט ער געפרעגט.

— זי האט געזאגט, אז מיר זאלן האנדלען מיט שכל!

— צום טייוול, אזא צוויג! אזא כלבטע! תמיד מוזן זיי זיך ארייננמישן.

— איך האב איר געזאגט, אז כ׳וועל גארנישט טון אן דיר.

— גאנץ ריכטיק,—האט ער געזאגט—וואויל—און ר׳האט איר געדריקט די האנט.

— ביסט אלץ א ייד, דזשאהן—האט די מאמע אים געזאגט בשעת זיי זענען אפגעפארן מיטן אויטא.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס—האט ער געענטפערט, ווי אן אויפגערייצטע פלעדערמויז וואלט זיך געשטויסן אקעגן דער וואנט פון איר אומפארנונפט.

— און ער איז אויך נאך יידיש, זאלסטו דעריבער עס לאזן מאכן.

— ער איז עס נישט—האט ער געזאגט—זיין מאמע איז א גויה.

— פארשטייסט דאך וואס מיר מיינען—האט דער פאטער זיך צו אים געוואנדן.—ווילסטו דען טאקע, אז ער זאל אויפוואקסן א גוי?

— געבוירן א ייד, בלייבט מען אויף תמיד א ייד, דזשאהן.

— ס׳איז מער היגיעניש, דאס איז אלץ.

— ס׳איז נישט מער היגיעניש.

— הער דיך צו, מיין זון,—האט דער פאטער ווידער געזאגט—איבער גאנץ אמעריקע מאכט מען עס איצט, אלע אן אויסנאם; אפילו גוים.

— מען פלעגט עס מאכן—האט ער געענטפערט—היינט גלויבט מען מער נישט דערין—צווינגענדיק זיך צו שווייגן, וויסנדיק פון אלע פראזן, ווי ראציאנאליזאציע, צוריק־פארטדרינגען, סימבאליזם פון מסרס־זיין; די אלע זענען געווען ממש פוסטע רייד, וואסער אויף א קאטשקעס רוקן, אזוי פוסט ווי דער פארזוך זיי צו דערקלערן.

— ס׳איז דיין חוב לגבי אים,—האט די מאמע זיך געהאלטן ביי אירס—די בחירה מוז בלייבן ביים קינד. זאל ער באשליסן פאר זיך אליין.

— דאס איז דאך וואס איך האב בדעה—האט ער געזאגט, און ווי אויסגעשלאסן דער מוטערס קול בשעת עס האט געשריגן—ניין, דו טוסט עס נישט! דו טוסט עס נישט, דזשאהן!

בחירה, דעם נאמען פארשוויגן; וואס אייגנטלעך איז געווען די אמתע סיבה? בטל־בששים ווערן, אומבאמערקט, אן אן אונטערשייד — א מין בויך־פאנטאזיע — צווישן די צענדליקער טויזנטער רייען פון נישט־אידן, כדי אויסצומיידן די נעכסטע שחיטות, דעם נעכסטן פאגראם? אין אונגארן זענען שונאי־ישראל ארומגעגאנגען און געשריגן „ברענגט ארויס אייערע פאמיל־יען־צירונג!" האט איר געהאט אן ערלה, האט מען אייך געשוינט און געראטעוועט.

— „היגיענע", האט ער גערעדט הויך אויפן קול — „דאס איז די סיבה, וואס זיי געבן אן. אפילו אין איין פאל צווישן הונדערט איז עס אויך נישט נויטיק."

— משה גרוישע! — האט די מאמע זיינע זיך אנגעריפן. — ער ווייסט!

— יעדער איינער ווייסט.

— אויב דו ווערסט עס איצט לאזן מאכן, וועט דאס קינד נישט פילן קיין ווייטאק. וואס לענגער וועסט עס אפלייגן, אלץ ערגער וועט עס זיין.

— מיר פארלאנגען דאך נישט קיין סך, דזשאהן — האט מיסטער פערל־מאן געזאגט. — האבן מיר דיר פארגעווארפן ווען האסט געהייראט א מיידל, וואס איז נישט קיין יידישע?

יענע נאכט האט ער נישט געקענט צוטון אן אויג, געלעגן און געטראכט, פארוואס קענען זיי נישט דענקען לאגיש? עס איז בארבאריש . . נאר פארשטייט זיך, אז זיי האבן עס נישט געקענט לאגיש משיג־זיין; הוילער שטות האט אויפגעהאלטן די זאך ביים לעבן. האלב־ייד; ער וועט זיי שוין דערקלערן וואס ער איז — עס לאזט זיך נישט פארהוילן.

אין פלוצלינג איז אים געקומען אויפן געדאנק די ערשטע ערלה, וואס ער האט געהאט געזען נאך דעם ווי מען האט אים געשיקט אין דער שולע אריין; ווי שאקירט עס האט אים מיט דער רויער, אבסאלוט פיינט־לעכער מראה. אט דאס איז טאקע געווען פיינטלעך, צווישן דעם און אים פערזענלעך האט נישט געקענט עקזיסטירן עפעס מער ווי א גע־שפאנטער, אנגסטלעכער וואפנשטילשטאנד.

אזוי טיף האט עס אריינגעדרונגען אין אים, האט ער געטראכט, און זיך באמיט פריי צו ווערן ווידער דערפון. ווארום אויב דאס זענען געווען זיינע געדאנקען, ווא סהאט מען שוין געקענט דערווארטן פון זיינע עלטערנס דור, אט די זיך־שאקלענדיקע און אומבאקוועמע בריק צו מזרח־אייראפע? באלד אייפקוועלנדיק מיט פלוצלינגדיקן שפאס, האט ער זיך געטראכט נאך אלעם איז עס דאך ראציאנאל — געענדערטע נעמען, געענדערטע נעז, קינסטלעכע ערלות.

אויב דער גאנצער ענין איז אין ספק, פארוואס נישט אים געבן די מעלה? מעגלעך, אז עס טוט אים נישט קיין גוטס, עס פארשאפט דאך אים נישט קיין שלעכטס: שפעטער זאל ער זיין אויף אזויפיל ייד, וויפל ער וועט אליין וועלן.



צומארגנס איז ער אליין געגאנגען אין שפיטאל אריין. דאס קינד האט זיך געפונען אין דער גרויסער, ליכטיקער קינדער־שטוב; עס איז געלעגן אויף דער שויס פון א רויט־פנימדיקער ארלענדישער פלעגערין.

— כ'טו אבער דעם קליינעמס ווינדעלעך — האט זי געזאגט. דאס קינד האט געוויינט, געמאכט יללות פיל גרעסערע ווי ס'האט זיך אנגע־זעען אינם קראמפהאפטן, מאכטלאזן, פארקרומטן רויטן פנימל. זי האט אראפגענומען א ווינדעלע, און דעם קינדס געשלעכטלעכער אבר האט זיך אנטפלעקט ווי א קליין, ווייס, פערפעקט רערעלע מיט א קליין הויט־גלעקעלע ביים סוף.

ער האט אראפגעקוקט אויף זיין זון, און ס'האט זיך אים אויסגע־דאכט, אז ער קוקט אויף א שונא.

פון ענגליש איבערזעצט,
**א. אלמוג**

סעם גאלדבערג

## א קינסטלערישער רעפארטאזש

יהודה מאלעק, דער געזאנג־דיריגענט פון ארבעטער־רינג כארן און זמרה־כארן צוזאמען מיטן כאר פון פארעסט־היל דזשואיש צענטער־טעמפל, האט געגעבן א פרילינגס־קאנצערט זונטאג, דעם 16טן מאי, 2 אזייגער נאכמיטאג, אין טאון־האל, אויף דער 43סטער גאס, לעבן בראדוויי.

שוין גייענדיק אויף בראדוויי ביי דער 43סטער גאס, וואו עס געפינט זיך די טאון־האל, נאך פון דער ווייטנס הערט זיך א געפילדער, א גע־רויש. מען טרעפט באקאנטע, פארוואנדטע, אלטע קאלעגן און פריינט; אלץ געפינט זיך שוין גרייט אריינצוגיין אין דער טאון־האל צו דעם אנגעזאגטן פארגעניגן פון פרילינגס־קאנצערט. שרייבער, מאלער, אקטיארן, זינגער — עס איז געווען א דעמאנסטראציע פון אלע שיכטן, פון אלע קלאסן מענטשן: דאקטוירים, אדוואקאטן, לערער און דאס יידישע פאלק.

די בילעטן — אויספארקויפט; אפילו נישט וואו צו שטיין.

דארט האט איר געקענט געפינען מענטשן, וואס איר האט זיי שוין נישט געזען לאנגע יארן און מיט איין מאל זענען זיי אלע אויסגעוואקסן ווי שוואמען נאך א רעגן; אלץ צוליב דעם גרויסן אנזאג פון פרילינגס־קאנצערט.

דער זאאל — א שיינער, אויסגעפוצט מיט טעפיכער אויף דער פאד־לאגע, פיינע, געבעטע פלושענע בענקלעך. גרויסע שאנדאלירן — ליכטיק אין אלע ווינקעלעך. פון ביידע זייטן — די אמעריקאנער פאן און די יידישע פאן.

ביי דער פיאנא איז שוין געזעסן גרייט דער פיאנא־קינסטלער פון

יידישן ראדיא „דאבלין אי ווי די“, וויליאם גאנטער. און מיט דעם אמעריקאנער הימן און יידישן הימן האט זיך געעפנט דער פארהאנג, וואו עס זענען געזעסן און געשטאנען די כארן פון איבער נײַנציק זינגער און זינגערינס; אלע אנגעטון ווי איין מענטש . . .

א פרילינג־עולם איז געקומען צו דעם פרילינגס־קאנצערט פאריס געשטימט א האנאה צו האבן און זיי האבן טאקע א הנאה געהאט; ווייל יהודה מאלעק האט אחריותפול אריינגעארבעט און צוגעגרייט דעם קינסטלערישן רעפערטואר! עס האט זיך געפילט די איבערגעגעבנקייט פון די כאר־זינגער און זינגערינס, וועלכע האבן זיך באמיט אונטער יהודה מאלעקס היפנאטישע בליקן און גרימאסן. ער האלט נישט קיין דיריגירשטעקעלע ארויסצוברענגען פון זיך מיט ליבשאפט דאס בעסטע און דאס שענסטע.

די סאליסטן, דאריס קאהן, סאפראנא און נארמאן סאמערס, באריטאן זענען א גרויס געווינס פארן כאר. זיי האבן באַרײַכערט און באשיינט דאס פראגראם. נארמאן סאמערס קען זיין א גוטער חזן און דאריס קאהן וואלטן מיר געוואלט הערן זינגען אפערע־אריעס. זיי האבן זיך זער שיין רעפרעזענטירט.

אחוץ דער יובליי־פייערונג געווידמעט די 200 יאר אמעריקע, געוויסע לידער זענען געווען געווידמעט די 100 יאר יידיש־טעאטער און ישראל, איז דאס פראגראם געווען אנגעלאדנט מיט אלדאס גוטס. דאס ערשטע ליד, פון א. גאלדפאדן, אראנזשירט פון יהודה מאלעק, האט זער שטארק אויסגענומען, מיטן אנטייל פון די זינגער אילעין פייפער, מרים גאלדבערג, ליליען קראיניק, סיידי קאפלאן און טאניא פיקולין. א שטארקן איינדרוק האט געמאכט דאס ליד, „אמאל איז געווען“. . —מלאטעק, ווײַנער— מיטן אנטייל פון דעם סאליסט באריטאן ברוס פייפער. א שטארקן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט יהודה הליוס ים־לידער, מוזיק פון שניאור, אראנזשירט פון יהודה מאלעק. גלאריא לערנער און ברוס פייפער האבן זער פיל מיטגעהאלפן צום דערפאלג. דאס געטא־ליד, „אני מאמין“, האט אויך אסך צוגעהאלפן צום דערפאלג און זער אויסגענומען.

דער גאסט־זינגער, חזן יעקב בארקין, טענאר, האט זער הארציק געזונגען „אתא בוקר“ און „א פאסטוכל“. ער איז א מנגן און א געשמאקער בעל־תפילה מיט אסך געפיל און רוטין. ער האט באשיינט דעם יום־טוב און געלאזט א שטארקן איינדרוק אויפן עולם.

דער צווייטער גאסט־זינגער איז געווען ערנא גראס, לירע־טענאר. ער פארמאגט א זעלטן שטארקן און הייכן לירע־טענאר. ער האט געזונגען „והוא רחום“, „אשר בדברו“ און „השכיבנו“, באגייסטערנדיק דעם גאנצן עולם. הינטער די קוליסן האב איך אים געפרעגט ביי וועמען ער האט זיך געלערנט זינגען. האט ער מיר גאנץ איינפאך געענטפערט, „ביי מיין זיידן און ביי מיין טאטן. דאס איז מיין קאנסערוואטאריום“.



דער ערשטער טייל איז געווען אנגעלאדנט מיט אלדאס גוטס. דער כאר האט וואונדערבאר געזונגען, זעלטן גוט איינגעזונגען, אדאנק דעם געזאנג־מייסטער יהודה מאלעק.

דעם צווייטן טייל פון קאנצערט האט פייערלעך דערעפנט דער בילדונג־דירעקטאר פון ארבעטער־רינג, יוסף מלאטעק. ער האט געגעבן אן איבערבליק און אן אפשאצונג איבערן יידישן פאלקלאר און יידישער פאלקס־מוזיק. געהאלטן א שארפע רעדע וועגן המשך פון יידישן ווארט פאלקס־מוזיק. געהאלטן א שארפ רעדע וועגן המשך פון יידישן ווארט און יידישער דערציונג, יידישער פאלקס־מוזיק און אלץ, וואס נעמט ארום דאס יידישע לעבן. אויב מיר וועלן נישט שטיין אויף דער וואך צו דערציען אונזערע קינדער און אריינגעבן אין זיי דאס, וואס מיר האבן געלערנט וואס עס הייסט צו זיין א ייד און קענען דאס יידישע לעבן; און אריינקנעלן דאס יידישע לערנען אזוי ווי אונזערע טאטעס פון דער אלטער היים האבן געטון, שטייען מיר פאר א גרויסער סכנה פון פארלירן דעם וועג פון ווידיש־לערנען און יידישקייט. און דער המשך וועט בלאנדזשען אויף פוסטע וועגן און נישט געפינען קיין וועג צוריק.

יוסף מלאטעק רעדט נישט עקס־פראמפטום, נאר ער איז גוט צוגעגרייט. און מיט א קלוגן איבערבליק, נישט אנגעשטרענגט, נאר מיט א שמייכל, דרינגט ער אין אייך אריין זיינע געפילן און איבערלעבענישן פון יידישן ווארט און יידישער דערציאונג. מען קען זעען ווי עס טוט אים וויי וואס דער המשך פון יידישקייט ציטערט אזוי ווי א עוף ביי א שוחט אין די הענט. חבר יוסף מלאטעק איך הער דיך שטענדיק ריידן אויף די אלע אונטערנעמונגען מיט גרויס פארגעניגן! דערפאר באגריס איך דיך און ווינטש דיר אסך געזונטע יארן אין דיין קינסטלערישער טעטיקייט אויפן געביט פון יידישער קולטור און דערציאונג.

דער צווייטער טייל האט זיך אנגעהויבן מיט לידער פון לאזארוס, וואלט וויטמאן און אלענס — „דהי האוז איי ליוו אין“—. דאן האט יעקב בארקין זער שיין געזונגען אן אריע פון „לא זשוויווי“—זשידאווקא—. דערנאך איז געזונגען געווארן ישראל לידער און דער יום־טוב קאנצערט האט זיך פארענדיקט מיט הענדלס אראטאריע „יהודה המכבי“. דאס איז געווען די קרוין פון יהודה מאלעקס פראגראם. די שכינה האט געשיינט אויף יהודה מאלעקס פנים פון פרייד. דער עולם האט אים הילכיק אפלאדירט.

יהודה מאלעק איז געבוירן געווארן אין אונגארן, אין שאר באגארט, לעבן בודאפעשט. ביי פיר יאר אלט האט ער שוין אנגעהייבן זינגען אין א כאר. אין לאנדאן האט ער געזונגען ביי אברהם קליין און אויך ביי זיין פאטער. אלט זייענדיק פופצן יאר, איז ער געקומען קיין אמעריקע, אין 1930, וואו ער האט שטודירט ביי דעם דיריגענט יעקב שעהפער, און באלד אנגעהויבן ארבעטן אלס געהילף דיריגענט. אין 1931 האט ער אנגעהויבן מיט א כאר אין ניו־יארק.

יהודה מאלעק, דער געזאנג־מייסטער, האט געגעבן זיין פרילינג־קאנצערט, אדורכגעזאפט מיט פרייד און ליידן אזוי ווי א יידישע שמחה דארף זיין. יידישע שמחות וועלן שטענדיק שיינען מיט א שמייכל און מיט א טרער, און מיט הומאר . .

און אזוי האט זיך פארענדיקט דער פרילינג־קאנצערט, דער פופצן יאריקער יובילעאום פון זמרה־כאר ב דער עדיוקיישיאנעל אליינס, אונטער דער לייטונג פון געזאנג־דיריגענט יהודה מאלעק. און אזוי האב איך אייך אלץ איבערגעגעבן ווי איך האב עס געזעען דורך מיינע אייגן.

אסתר ערליכמאן

# זכרונות

געווען איז דאס אין יאר 1917, ווען עס איז אויסגעבראכן די רוסישע רעוואלוציע, מיט קערענסקי ביי דער מאכט: די גאנצע וועלט האט פיינט געהאט דעם ניקאלאי דעם 2טן דעם זעלבסט הערשער פון רוסלאנד פאר זיין טיראני, פאר זיינע פארפאלגונגען יעדן איינעם וואס האט געוואגט קעמפן קעגן אים, פאר די פאגראמען אויף יידן און אזוי ווייטער!

דערפאר איז די פרייד געווען גרויס ביי אלע ליבהאבער פון פרייהייט און רעכט. אבער זייער ווייניק מענטשן האבן געהאט דאס גליק צו זען אליין און פילן און מיטלעבן, מיט דער אויסגעכאלימטער פרייהייט, מיט דער פארווירקלעכונג פון אמתן סאציאליזם, און צו זען ווי א גרויס פאלק, איז פעהיג צו לעבן אן הערשער און אן אונטערדריקונג!

איך בין צו יענער צייט געווען אין לאנדאן, און האב זיך באטייליקט אין די ענטהוזיאסטישע מיטינגען אין גרויסן אלבערט האל, ווי א דריי טויזנט קעפיקער עולם פלעגט זיך אויפשטעלן נאך די גרויסע רעדעס, פון שרייבער, און ארבעטער פירער, צווישן די רעדנער איז געווען ישראל זאנגוויל, דער גרויסער ארגל האט אויפגעשפילט די שיינע רעוואלוציאנערע לידער, ווי „די רייד פלעג״, און „ענגלאנד דערוואך״. אלע זיינען געווען באגייסטערט און האבן מיטגעזונגען, אלע האבן געשריען זאל לעבן רוסלאנד!

דאס איז געווען מיט זעכציק יאר צוריק. עס איז אומגלייביק:

הונדערטער מענטשן בלויז פון ענגלאנד, זיינען אוועקגעפארן אין רוסלאנד, אין דעם לאנד ווי די זון האט אויפגעשיינט. איך בין געווען צווישן די אלע, איך בין געווען צווישן די באגייסטערטע. און האב געהאט דאס גליק צו לעבן און זען דעם חלום פון אמתן סאציאליזם, וואס האט פארברידערט ייד און קריסט!

אבער ליידער האט לאנג די אידיאלע ניט אנגעהאלטן. בלויז אכט חדשים. עס האבן מיט געוואלד איבערגענומען די מאכט די היינטיקע רויטע הערשער, מיט זייערע ברוטאלע הענט, פארניכטעט די אויסגעחלומטע



פרייהייט, און היינט איז גארניט פארבליבן פון דעם פעלקער יובל. די רויטע מאכט האלט אין שרעק די גאנצע וועלט, און פאר אונז בלייבט ווייטער איבער צו חלומען. דעם שיינעם חלום פון פרייהייט פון סאציאליזם, פון מענטשן פארברידערונג. וואס מוז און וועט קומען, און עס וועט ניט זיין קיין חלום.

נ. רובין

# צעזייט און צעשפרייט

מיר יידן זענען א פאלק, וואס איז געווארן צעזייט און צעשפרייט איבערן וועלט־קיילעך נאך מיט טויזנטער יארן צוריק. אין משך פון יאר־הונדערטער האבן מיר כמעט פארגעסן אונזער היסטאריש־נאציאנאל לשון און וואו מיר האבן זיך באזעצט האבן מיר דארט, מיט דער צייט, געשאפן פאר זיך לאקאלע דיאלעקטן, ווי לאדינא אין שפאניען, יידיש־אראביש אין די אראבישע לענדער, יידיש־פערסיש אין פערסיען, אבער אין מזרח־אייראפע איז ביי אונז אויסגעוואקסן מסתמא דאס באליבסטע לשון נאך העברעאיש — מאמע־לשון יידיש!

לכתחילה האט מען עס נישט געהאלטן פאר קיין שפראך, און דורות־לאנג איז עס באטראכט געווארן ווי א זשארגאן . .

די מערכה פון יידיש־לשון האט זיך אבער גענומען ענדערן מיטן אויפקומען פון טיפע דענקער און גרויסע דיכטער, וואס האבן שוין גוט פארשטאנען דאס ווערט פון יידיש, באווייזנדיק דאס מיט די וואגיקע ווערק, וועלכע זיי האבן דווקא געשאפן אויף מאמע־לשון, כדי צו דערגרייכן די גרויסע יידישע מאסן, וואס האבן מיט באגייסטערונג אויפגענומען אט די דאזיקע יידישע־געשריבענע, גרויסע קולטור־ווערטן!

דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור, מענדעלע מוכר־ספרים, און זיינע אייניקלעך, שלום־עליכם, י. ל. פרץ, שלום אש האבן שוין אויסגעשמידט פונם מאמע־לשון א ריין־ליטעראריש שפראך; א מיטל פאר ווייטערדיקע קולטור־שאפונגען.

אין דער אמתן זענען זיי נישט געווען די סאמע ערשטע דאס צו טון . . נאך פארן זיידן זעען מיר שוין ביי ד״ר עטינגערן, אין זיין טעאטער־שטיק „סערקעלע״, ווי פעיק יידיש איז דעמלט געווארן פאר ליטעראַרישער שאפונגען! יא, מיר האבן נאך צו ווארטן אויף דער קאמפעטענטער אויטאריטעט, וואס זאל אפשאצן ווי געהעריק די פארדינסטן אויף דעם דאזיקן געביט מצד די שפעטערדיקע דיכטער, נאוועליסטן, זשורנאליסטן און פובליציסטן, ווי דויד פינסקי, אברהם רייזין, דויד פרישמאן, מאריס ווינטשעווסקי מאריס ראזענפעלד, דויד עדעלשטאדט, באוושאווער, לייוויק און אנדערע

וואס עס איז ממש נישט אויסצורעכענען בלויז אין איין ארטיקל.

האבן מיר דאך א לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור, און וועלכן, ווער עס איז מער פאראינטערעסירט אין אט דעם ענין, קען זיך באקענען מיט א גאנצער גאלעריע העכסט חשובע נעמען און אויסגפינען וואס אלץ מן האט געשאפן אויף אונזער מאמע־לשון אין א משך פון א פיר הונדערט יאר!

און ווי מעג מען פארבייגיין אונזערע יידיש־דראמאטורגן, אברהם גאלד־פאדן, יעקב גארדין, מארק ארנשטיין, לעאן קאברין ה. לייוויק אלטער קאציזנע דויד פינסקי, משה ריכטער, ב. י. קאלמאנאוויטש, זיגמונד פיינ־מאן, יוסף מארקאוויטש, זייער אויפטו פאר יידיש־טעאטער, און זיי זענען דאך נישט געווען נישט פון אונזערע בעסטע, נישט פון אונזערע גרעסטע דראמאטורגן! מוז מען טאקע אין דער הינזיכט צוטיילן די געהעריקע אנערקענונג י. ל. פרצן, שלום־עליכמען און אפשר איבערהויפט שלום אשן.

אדאנק אט די דאזיקע טעאטער־שאפונגען האבן זיך באוויזן אויף דער יידישער בינע ממש העלדן־טאלענטן, ווי אזעלכע אקטיארן און אקטריסעס, ווי יעקב אדלער, פ. אדלער, זעליג מאגילעסקי, דויד קעסלער אשר זעליג פיינמאן דינה פיינמאן, מאלווינא לאבעל, שרה אדלער, דויד וואקסמאן מאריס מאקאוויטש יוסף קעסלער, די ווילנער טרופע, מיט אזא אברהם מארעווסקי, אסתר רחל קאמינסקא, איר טאכטער אידא קאמינסקא, די טורקאוס און אסך אסך אנדערע. די ווערק האבן ארויסגעברענגט די דראַ־מאטישע קונסט פון די אקטיארן, און די דראמאטישע קונסט פון די אקטיארן האט באוויזן וואס מען האט געשאפן אויף יידיש — זיך להלוטין נישט צו שעמען פאר דער וועלט!

שפעטער, מיט הירשביינס פיעסעס, האט דאס יידישע טעאטער באמת דערגרייכט צו דער מדריגה פון הויכער קונסט. די אויפטריטן פון יידישע אקטיארן איבער מדינות, וואו נאר עס האט זיך געפונען א יידישער ישוב, האט דערמעגלעכט פיל פיל יידן צו געניסן פון אט די גייסטיקע ווערטן. אסך פון אונזערע עלטערע מענטשן לעבן נאך מיט איינדרוקן פון יענע צייטן, ווען גרויסע יידישע שוישפילער פלעגן קומען אפילו אהער קיין לאנדאן און גאסטראלירן אינם אמאל־בארימטן „פאוויליאן״־טעאטער.

לעבעדיק בלייבט אלץ אין זכרון דע ראויפטו מצד דעם אימפרעסאריא זוסמאן, ווי ער האט אהערגעברענגט די גאנצע „ווילנער טרופע״ און ווי אט די דאזיקע בארימטע טרופע איז אויפגעטראטן אין האלבארן־טעאטער, נישט אין דער איסט־ענד, נאר אין דער וועסט־ענד, שפילנדיק ש. אנ־סקיס „דבוק״ און פרץ הירשביינס זאכן, במשך פון גאנצע זעקס חדשים! זייער דערפאלג איז געווען אומגעהויער סאי ביי יידיש־רעדענדיקע יידן סאי בכלל.

און ווי קען מען פארבייגיין אגב־אורחא מאריס שווארץ און זיין קונסט־טעאטער פון אמעריקע? וויפל דערפאלגן האט ער עס נישט געהאט, און



וויפל כבוד האט ער נישט געוואונען פארן יידישן ווארט און יידישער בינע־קונסט!

א גרויסע טראגעדיע פארן יידישן טעאטער איז געווען די שפאלטונג, אין דער ווילנער־טרופע, וואס איין חלק, מיט באריס טאמאשעווסקי בראש, איז אוועק קיין אמעריקע און דער צווייטער חלק איז געפארן צוריק קיין אייראפע. אבער אפילו ביי אט דעם חלק זענען אויך געווען אויסנאמען, ווי וואלץ, זילבערבערג ע״ה, און מערי מארינע, וועלכע זענען פארבליבן דא אין לאנדאן. יוסף קעסלער האט בשעתו אראנזשירט אז זיי זאלן שפילן אינם פאוויליאן־טעאטער.

זילבערבערגן, א זער אינטעליגענטער שוישפילער, מיט א חוש פאר ליטערארישע פארשטעלונגען, האבן מיר געזען אין „אוריאל אקאסטא״ אלס ד״ר דעסילוויא. נאר א שוישפילער, גוט באהאוונט אין דער יידישער ליטעראטור, האט געקענט אזוי גוט כאראקטעריזירן אט די העכסט פאר־אנטווארטלעכע ראלע. זילבערבערג איז געווען אט אזא שוישפילער! כבוד זיין אנדענק.

מאריס שווארצ׳ס צווייטמאל אהערקומען דא גאסטראלירן פון אמעריקע איז ווידער געווען א שטיקל געווינס פאר אונז דא אין לאנדאן . . מארק מארקאוו און זיין לעבנס־באגלייטערין עטא טאפל האבן אויסגעוויילט דא צו פארבלייבן, און גרויס ליבשאפט און אנערקענונג האבן זיי ביי אונז זיך דערווארבן.

מארקאוו איז געווארן דער לייטנדיקער כוח, אנפירנדיק מיטן קליינעם טעאטער אין אדלער־סטריט. מאריס מייער ע״ה, האט באאיינפלוסט אייניקע פארמעגלעכע בעלי־בתים זיך צו באשטייערן מיט עטלעכע הונדערט פונט יעדער, כדי מען זאל אויפהאלטן סטאביל א בעסער טעאטער אויך דא. עס איז געלונגען אויף א צייט און מארק מארקאוו און עטא טאפל האבן זיך באליבט געמאכט דא אין אונזער יידישן ישוב מיט זייער שפילן.

מארק מארקאוו, מוז מען געדענקען, האט נישט נאר דא געפונען א צאל זער באגאבטע שוישפילער, נאר האט אויך באזעסן א חוש צוצוציען צו זיך א צאל פון זיי; ווי למשל, דויד סעגאל מיט זיין פרוי, מייטע סעגאל.

א רייכן רעפערטואר האבן מיר געהאט די מעגלעכקייט צו זען אין אט דעם קליינעם טעאטער אין אדלער־סטריט אונטער מארקאוס אויפ־פירונג. עס איז פשוט נישט אויסצורעכענען די אלע זאכן, וואס מען האט דא געשפילט. בלויז צו דערמאנען יעקב גארדינס „גאט, מענטש און טייוול״, אין וועלכער דראמע מען האט געקענט זען, העכסט קינסטלעריש אויפ־געפירט, מארקאוון אלס טייוול און דויד סעגאל אלס הערשעלע דובראוונער! עס איז ממש אומפארגעסלעך דויד סעגאלס שפילן דעמאלט און די סצענע ווי הערשעלע דובראוונער זאגט ווידוי פארן באגיין זעלבסטמארד איז אפשר פון קיינעם נישט בעסער אויפגעפירט געווארן!. .

א צייט שפעטער האט מען געדונגען דאס „אלעקסאנדער״־טעאטער אין סטאק־ניואינגטאן, וואו מארקאוו האט פארטגעזעצט זיין טעאטער־טעטיקייט דא ביי אונז. אויך אסתר רחל קאמינסקאס טאכטער, אידא קאמינסקא, איז אהערגעקומען מיט „פוילישע מלוכה יידיש־טעאטער״ גאסטראלירן, אויפפירנדיק אן אייגנארטיקן, קלאסיש־יידישן רעפערטואר. זי האט אויפגעפירט צווישן אנדערן, יעקב גארדינס „מירעלע אפרת״, אין וועלכער פיעסע מייטע סעגאל האט געהאט די צווייטע ראלע. שפילנדיק אט די ראלע, האט מאטע סעגאל זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז נישט בשום הינטערשטעליק אנדערע בארימטע אקטריסעס פון א פריערדיקן דור, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שפילן.

נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה האט מארק מארקאוו ווערבירט הארי אריעלן צו זיין טרופע, איצט שוין אין גרענד־פאוויליאן טעאטער, אויך יצחק קרעלמאנען מיט זיין פרוי. ווידער האבן אט די נייע כחות, מיט זייער ענטוזיאזם, געוואונען גרויס סוקצעס פאר זיך.

צום באדויערן האבן אונזערע בינע־קינסטלער נישט מער קיין סטאבילע טעאטער־געביידע, וואו צו קענען רעגולער שפילן. אבער די כחות זענען נאך דא. א ברכה אויף זייערע קעפ!

קען מען טאקע נאך זעען די חשובע און ליבע יידישע אקטיארן אויפטרעטן אין פארשיידענע זאאלן ביי פארשיידענע געלעגנהייטן. פריידט עס אונז טאקע צו זעען הארי אריעלן, בלומענזאנען, דויד סעגאלן, מייטע סעגאל, י. בוים, מענדעלעוויטשן, סידי סקאפ א. קאראלאווא אסתר זילבערבערג און חנה צעלניקער פון צייט צו צייט אין כלערליי יידישע אינסטיטוציעס אויף פארשיידענע געגנטן. אונז „פריינט פון יידיש לשון״ זענען זיי אויך טיילמאל מהנה מיט אויפטריטן ביי אונז.

אשאד, וואס אונזער ליבער מאיר צעלניקער איז נישט ביים בעסטן געזונט און קען נישט דעריבער זיך מיטבאטייליקן מיט דער חברים־טרופע. ווינטשן מיר אים א רפואה שלימה גאר אין גיכן.

א י י ז י ק  ג א ל ד ב ע ר ג

## א קאנצערט — לאך ישראל לאך —

דער באליבטער טעאטער קינסטלער, סעם גאלדבערג, וועלכער באמיט זיך אויפצוהאלטן דאס לעבעדיקע יידישע ווארט, דורך זיינע פאלקס־קאנצערטן, האט זיך ווידעראמאל באוויזן דא אין לאנדאן מיט זיין פראגראם, אונטער דעם נאמען „לאך ישראל לאך״. מיר נויטיקן זיך טאקע אין א ביסל פריילעכקייט . . .

דאסמאל האט ער באזונדערס געגעבן א רייכהאלטיקן פראגראם. סיי אין ווארט אזוי אויך איפן מוזיקאלישן געביט. עס האבן זיך באטייליקט די פיינע סאפראנא, רעני באר, מיט זינגען ענגלישע, יידישע און העברעאיש לידער. דער אפערן זינגער דערעק ווילקס, האט זיך באטייליקט מיט זינגען אריעס פון טאסקא און אנדערע. אלעס האט ארויסגערופן גרויסע אפלאדיסמענטן.



אינם קאנצערט־טייל האבן זער אויסגענומען די פיאניסטין, ראזא לואיס, און דער קאמפאזער, סידני קרוק פון דער ב.ב.ס.

אין דעם ווארט־קאנצערט, האט דער יונגער טאלאנטירטער קינסטלער, דזשוי פרענקס, שטארק אויסגענומען ביים עולם, מיט זיינע קאמישע כאראקטער טיפן, גלייכווערטלעך, אזוי אויך מיט זיין מוזיקאלישן טייל, וועלכער איז אפטמאל אפלאדירט געווארן.

גאר באזונדערס האט דער טעאטער קינסטלער, סעם גאלדבערג, דאס מאל זיך זער אויסגעצייכנט מיט זיין אויסגעוועלטן פראגראם, פון טעאטער־סקעטשן, וואס ער האט אדורכגעפירט מיט די זינגערין, רעני באר, און אליין רעציטירט און געזונגען, טעאטער און פאלקס־לידער, פון געבורטיק, און אנדערע, אויך איציק פעפער׳ס „איך בין א ייד״ און פון דוד בערמאן און אנדערע. אויך האט ער שטארק אויסגענומען מיט זיין ציקללידער אונטער דעם נאמען „דער יידישע ניגון און דאס יידישע ליד״. צוזאמענגענומען פון פראגמענטן פונם אלטן אוצר טעאטער און פאלקסלידער, אויך פון משה שקלאר „פארבראכענע הענט פון מיין מאמע״, אויך זיין אייגן ליד „דער יידישער טשייני מאן״, האט ארויסגערופן גרויסע אוואציעס.

עס איז צו באגריסן סעם גאלדבערגן, ווי ער געט זיך די גרעסטע מי אויפצוהאלטן דאס יידישע קליין־קונסט טעאטער, מיט וועלכן ער באוויזט זיך, אחוץ דא אין לאנדאן, אויך אין ניו־יארק, פאריז, ישראל און אין אנדערע מקומות וואו יידן וואוינען.

עס איז אויך ווערט צו דערמאנען אז סעם גאלדבערג, איז פון די איינציקע אקטיארן, וועלכע האלטן זיך נאענט מיט דעם „פריינט פון יידיש לשון״, און די „ליטערארישע שבת נאכמיטאגס״, אנגעפירט פונם א. נ. שטענצל, וואו ער באטייליקט זיך אין אלע פראגראמען.

עס איז זער וויכטיק אז אזעלכע קאנצערטן זאלן דא אפטערס פארקומען, ווייל דאס יידישע ווארט איז געווארן אזוי אפגעפרעמד אין דער יידישער היים. מען האט באמערקט ביים עולם, דאס אפילו די שוין פארענגלישטע יידן זענען געווארן אויפגעלעבט פונם יידיש־לעבעדיקן ווארט . . .

## על השמינית שבשמינית מזמור

### א

וועלכע סטרונע סטראיען איצט,
אויסצוצימבלען מיין לעצט ליד?
מיין יידישע ווײ־אדער — —
איך בין דאך שוין טויט־מיד.

פון געבראכענעם פליגל,
געשניצט די לעצטע פען,
איך דער גיך אויפגעשריבן,
אויב נאך באוויזן כ׳קען.

מיינע ירושה־פליגל
טויט — שוין הענגען אראפ,
און פון מיין יידישלעך בלוט
געבליבן קוים א טראפ.

יא, אויב נישט אויף הער גיך, איצט,
אויסגעטרוקנט ער ווערט — —
איז כאטש שרייב מיט א פינגער
אין זאמד אונטער דער ערד.

ב

צוויט שוין לאנג אפגעשאקלט,
די פרוכט אראפגעווארפן,
שטייט א נאקעטער דער בוים:
די ווינטן און די רעגנס
טאנצן צעלאכט ארום אים,
פאר חרפה ער האלט זיך קוים.

אז וואס איז דען א בוים־שטאם,
צומאל מיט צווייגן צושטרעקט,
און ווארצלען טיף אין דער ערד?
ס׳איז רק פארעקשנטער קזשאק,
מיט דינסטע זיינע הערלעך,
וואס דאך צו גראבן נישט אויפהערט.

אלץ טיפער און פארטיפטער,
וואס פינסטערער אלץ שטארקער,
ביז די זון שיינט צוריק אויף —
מיט אויסגעשפינגסטער קער,
באגראבן אין דר׳ערד, אז מיט
בליטן אנגיין עד אין־סוף.

ג

די טויבן קייגנאיבער, אויף פענסטער־געזימס,
די קעפלעך צווישן די פליגל איינגעצויגן,



וואַרעמען זיך אין דער שטיף־מאמעדיקער זון,
גלאצן מיט שרעק־אויסגעקיילכטע אויגן.

פלוצלינג פאלט איינע, באַץ־אראפ טויט געפרוירן,
מיט לעצטעכחות זיך נישט געקענט מער האלטן,
כ׳זע ממש א ציטער דורך אלע גייט אדורך
אין דעם וועטער דרויסן פרירנדיקן־קאלטן.

ד

ס׳ציען זיך שווער די נעכט,
בליי געגאסענע קוילן,
דאס וואס גייט אנקומען,
פינסטערניש טיף פארהוילן.

נישט פון די הימלישע
שטערן ארויסצוליייענען,
אונזערע אייגענע
ווי פחדימדיק אויפשיינען.

אין די טיפע פאלטן
אות פאר אות שוין פארשריבן,
אין טויטן־חשכות טאל
פונם שטן געטריבן.

נישט רויט גייט אויף די זון,
נישט בלוטיק זינקט די שקיעה,
די הערצער אונזערע
צעריסענע אין קריעה.

ס׳הענגט פינסטער דער הימל,
א שפיגל שווארץ פארהאנגען,
אלע בראָאים אירע
אויף ערד אונטערגעגאנגען.

ה

מיט א טיף־צעקנייטשטן שטערן
שווימט די לבנה אויפן טייך;
ער כוואליעט אין קאלטער נאכט,
און אויפגעציטערטער בלייך.

וויאַנענדיק שיטן זיך בלעטער,
זיי פליען, עס דאכט זיך זיי,
פייגל אנצוקומען ערגעץ,
וואו זון איז איצט און פאַרזיי.

די ווערבע קיין באַוועג, קיין ריר,
שטייט סמוטנע און קוקט זיך צו:
פון ווינטל געיאָגט זיי ווערן,
ווייט פאַרטריבן ערגעץ־וואו.

ו

ס׳ציען זיך שווערע נעכט,
אויפן הימל קיין שטערן,
און די נעכט כ׳ציטער אויף,
מיין קישן פול מיט טרערן.

ניין, נישט פון א חלום
אויפגעוואכט כבין געוואָרן;
גאַנצע נאכט כ׳ליג האלב וואך,
נישטביים זינען ביים קלאָרן.

ס׳ציען זין לאַנג די נעכט,
שטריק מיין האלז צו דערשטיקן,
דאָס וואס ס׳גייט אנקומען,
בליק מיינער נישט דערבליקן.

ז

ווען דער טאַטע אין דער פרי,
גייענדיק ארויף־אַראָפּ,
עניוותדיק מיט ניגון
געזאָגט תהלים מיטן טראָפּ —

מיך געקאַרטשעט אין מיין בעט,
מיט איינגעהאַלטן האַרץ צוגעהערט,
און ביי זיך יעטוועדן וואָרט,
מיינע אויגן מיט־געטרערט.

ווען פון איר תחינה־סידור,
מאַמע האָט תהלים געזאָגט,
מיין קישן נאַס געווען,
מיט יעדער איר טרער מיט־געקלאָגט.



נאָך ביז היינטיקן טאָג, ווען כ׳נעם
ס׳תהלימל אין האַנט אַריין,
הער איך מיין טאַטנס טריט
און מיין מאַמעס שטיל געוויין.

ח

א ציגיינערין סאיז נאכט,
זי טוט מיר לייענען ווי פון קאָרטן:
נישט פאַר דיר מער היי־יאָר פרילינג,
א צעבליטער אויפגיין דער גאָרטן.

נאָך א וואָך, צי נאָך א חודש,
אפשר האַנדלט זיך שוין אין שעהן,
און געענדיקט עס איז די שפּיל,
אויסגעגאַנגען דער לעצטער קאָן.

קוק איך די שטאָק־פינסטערע נאכט
אַריין אין די ציגיינער־אויגן,
און גיב איר דעם לעצטן גראָשן
פאַר קאָרט, וואָס זי האָט מיר געצויגן:

אויב אַזוי, טאָ וואָס ברויך איך אים,
נאָ ריר אים אוועקעט איינגאַנצן!
און זאָל קומענדיקן פרילינג,
אויף הימל נאָך א שטערן גלאַנצן.

ט

פאַרוואָר ווען גאָט האָט שטאַרק ליב,
דעם נעמט ער וואָס גיכער צו זיך צו;
וואָס זיך מוטשן אויף וועלטל אונטן,
ביי מיר ווערסט האָבן אייביקע רו.

איך אָבער וויל וואָס לענגער לעבן,
ליידן, ליידן און נישט ווערן מיד,
ווייל וואָסער ווערט אַלע לייד און פּיין
קייגן די פרייד פון שרייבן א ליד!

דערפאַר בלייבן גרויסע אומשטערבלעך,
ווייל זיי נעמט גאָט קיינמאָל נישט אַרויף,
זיי ליידן אפילו נאָכן טויט —
שרייבן זיי הערן קיינמאָל נישט אויף.

בלויז א בין־השמשות אמאל קומט אן,
און א לידל עס שרייבט זיך דעמלט אן!
ליכטיק ס׳ווערט אין הארץ און אויך אין מוח,
אלץ אויסצוהאלטן שוין מ׳קריגט פרישן כוח.

בלויז צי לוינט נאך דער גאנצער עסק?*
באמת, כ׳ווייס נישט ווי כ׳בין א ייד.

א גראם צוגעפינען כ׳בין שוין טויט־מיד.

יד

(„די פטירה פון בעל־שם" — מיין שטארבנדיקן פלימעניק נחום שטענצעל)

אין חדר איז שטיל, די פליג אויך באלטן גיט זיך קיין ריר,
איינער פון די גאר נאנטע פרעגט: רבי, ווי פילט איר?
„ווי איינער וואס גייט פון איין שטוב אין א צווייטער,
יעדער שריט — א קינד אויף וואקלדיקע לייטער." — —

אין דער לעצטער רגע האבן זיי שפעטשען געהערט,
די איופגעריסענע אויגן תפילהדיק פארטערערט:
„באשעפער אל תביאני לידי רגל גאוה" — —
זיי — שיער נישט מיטאויסגעגאנגען פון גרויס אהבה.

אין שטוב איז שטיל, זייגער שטעלט זיך אפ אין מיטן גאנג.
פלוצלינג די גאנצע שטוב פול ווערט מיט א מין געזאנג — — —
קינדער אין שרעק זיי קלאמערן זיך איינע צום צווייטן —
א טאנץ — זיין יציאת־נשמה זיי באגלייטן.

טו

זאט אין יארן, אבער
נישט תמיד זאט אין לעבן,
וויאזוי־א האט זיך מיר,
דאס דאך איינגעגעבן?

נישט מיט מיינע קרעפטן —
מיטן כוח פון מיין טאטן!
נישט נאר דעם גוף, אויך ס׳הארץ,
מ׳מוז קאנען אנזאטן —

נאך א שווערן תענית,
איידער געגאנגען עסן,



א דריי פיר שעה פריער,
ביים זוהר נאך געזעסן:

„תא חזי", האי בר־נש" — —
נאך הער איך אים איצט ברומען
א, זיינע אויגן כ׳זע, ווען
כזית אין מויל גענומען.

און אפשר נאך מער גאר
געלערנט פון מיין מאמען — —
א, גאט אז כ׳האב זוכה,
געווען פון זיי צו שטאמען.

ווען זי מיך אנגעזייגט,
אין וויג ארייגצוליגן,
געלאפן גיך ערגעץ,
הונגעריק קינד נאך אנזייגן.

טז

דער טאטע געווען קרוב שמונים,
און די מאמע די אכציק אריבער;
אז מ׳קומט שוין אין די דאזיקע יארן,
איז מילא טראכט זיך הערינבער.

טייטשן טאקע אונזערע חכמים,
דעם „ושכבתי עם אבותי":
קומט די צייט די עלטערן געשטארבן,
ריכט זיך אין וועג ארייך רבותי.

טויג צו טראכטן א מעשה זיך אנטון,
און נאך אזעלכע מיני שטותים?
יעדער טאג דעמלט ווערט טייער און ליב,
כאטש אים אויסצוהאלטן מיט נסים.

יז

בין איך וואך פארטראכט? חלום איך נאך?
טאטע א סוד טוט מיר שטיל ארייגרוימען:
„פונקט ווי מען איז יונג מוז מען דאס הארץ,
ווען מען ווערט אלט דעם מוח מ׳מוז איינצוימען.

„אז נישט ווערסט דיך גאר גיך דערגריבלען

## אן א ממלא מקום (צום טויט פון סעם לעף)

שטיל און באשיידן געווען זיין וועג. א מענטש ווי אלע מענטשן און דאך אנדערש. ארויסגערופן דרך ארץ און ליבשאפט צו זיך מצד יעדן מיט וועמען נאר ער איז געקומען אין בארירונג. אינטעליגענט אין פולן זין פוןווארט. אן שום בילדונג צייגעניש און געקענט דיסקוטירן מיט די סאמע געלערנטסטע וועגן וואס נאר מען האט גערעדט. אליין געהארעוועט ביי פארשידענע ארבעטן איף פרנסה און אויך געהאט פארשטענדעניש פאר די נויטן פון אנדערע און געפונען צייט מיט ממשותדיק טאטן זיי צו העלפן.

פון די קנאפע 90 יאר וואס ער האט געלעבט האט ער איבער 75 יאר געדינט דעם „בונד". ער איז אין אים ארייגעצויגן געווען ווען ער איז קוים 15 יאר אלט געווען און געבליבן אין אים ביז צום סוף פון זיין לעבן. געהאלטן דעם „בונד" פאר זיין צווייטע מאמע, וועלכע האט אים גייסטיק דערצויגן און אים ליב געהאט פונקט אזוי ווי ער האט ליב געהאט זיין לייבלעכע מאמע וועלכע האט אים געבראכט איף דער וועלט.

אין 1903, ווען אין האמעל ברעכט אויס דער אזא באקאנטע שווידער־לעכער פאגראם איף יידן, האט דער „בונד" געשאפן א זעלבסט שוץ וועלכע האט געטיילט א ווידערשטאנט די פאגראמשטשיקעס און ער האט געהערט צו אט דער זעלבסטשוץ. ווער קען באנעמען וואס פארא מארא־לישן כוח מען האט געדארפט פארמאגן כדי זיך אנטקעגנצושטעלן די צעיושעטע באנדעס פון די כוליגאנעס אונטערגעשטיצטע פון דער צארי־שער מאכט; וואס פארא פסיכאלאגישן איבערברוך מען האט געדארפט מאכן אין די מוחות פון די יידן און דאמאלטיקן תהום המושב אז מען זאל וואגן זיך קעגנצושטעלן ניקאלייס מחנות.

אין לאנדאן, צוזאמען מיט דער פרוי (וואס פאר א ליבלעכע פערזאן זי איז געווען) אויפגעצויגן קינדער און זיי געמאכט פאר לייטן און דערביי געפונען צייט צו ארבעטן לטובת הכלל. געהאלפן גרינדן דעם ארבעטער רינג און זיך באטייליקט אין זיין טעטיקייט, דער עיקר אופן קולטור גע־ביט; געהאלפן גרינדן די „יידישע סאציאליסטישע ארגאניזאציע" וואס דאס איז דער היגער „בונד", און געווען איר סעקרעטאר פאר איבער 25 יאר ביז בלויז איין יאר פאר זיין פטירה.

ביי זיין עלטסטער טאכטער אין דער פראנט־שטוב שטייען אויסגע־שטעלט עטלעכע בעכערס—טראפעען—וועלכע ער האט געוואונען אין פאר־שידענע שאך־טורנירן. אויך אין שאך שפיל איז ער געווען א טשעמ־פיאן.

צו די „פריינט פון יידיש לשון" געהערט ארום 31 יאר; געווען איינער



פון די רעדנער ביי די שבת נאכמיטאגס. און וואס פאר א פארגעניגן עס איז געווען אים צו הערן רעדן—אלץ איינס צי מען איז מיט אים מסכים געווען צי נישט.

ער האט געזאלט פארן אויף אורלויב — איז ער אוועקגעפאלן און אנ־שטאט אויף אורלויב האט מען אים גענומען אין שפיטאל אריין; א קאנ־סער איז אים באפאלן און אין עטלעכע בלויז חדשים אים פארצערט.

בלויז עטלעכע חדשים האבן אים צוגעפעלט צו ווערן פולע 90 און דאך נאגט אין הארץ א טרויער . . . ווייל אין „בונד" האט ער איבערגעלאזט א ליידיק ארט און ביי אונזערע שבת נאכמיטאגס — א ליידיק בענקל. נישטא קיין ממלא מקום — חבל.

אייזיק גאלדבערג

## — ביי דער מצבה-שטעלן נאך ח. נ. בענקוויטש —

זונטיק דעם 5טן דעצעמבער, 1976, איז געקומען א גרויסער עולם איף עדמאנטאן בית־עולם, אפצוגעבן כבוד צו דער מצבה שטעלן, נאך דעם באליבטן מענטש און ייד, חיים נח בענקוויטש ע"ה.

דער עולם איז באשטאנען פון די אנגעהעריקע, פונם זון, טעכטער, איניקלעך, אור־איניקלעך, משפחות, פריינט און באקאנטע, אויך פון ציוניסטישע און אנדער ארגאניזאציעס.

די רעליגיעזע צערעמאניע איז געווארן אדורכגעפירט פון חזן בראזע, פון סאט האמסטעד סינאגאג, דער רעווערענד סאמועל וועגעט, פון דער העמערסמיט סינאגאג, וועלכער איז געווען גוט באקאנט מיטן נפטר און איז אויך באפריינט מיט זיין משפחה, האט געמאכט די הזכרה, דערביי אנגעוויזן איף די מדות טובות פונם נפטר, אלס רעליגיעז טראדיציאנעלער ייד, וועלכער איז אויך געווען פאראינטערעסירט אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור. אחוץ דעם איז ער אויך געווען זער באליבט ביי די משפחה׳ס, פריינט, און ציוניסטישע און אנדערע ארגאניזאציעס. די אלע וועלכע זענען מיט אים באקאנט געווען, וועלן אים צום גוטן געדענקן.

באזונדערס וועלן זיינע קינדער, איניקלעך און משפחה׳ס זיך טרייסטן מיט זיין גוטן נאמען וואס ער האט איבערגעלאזט.

נאכדעם האט גערעדט, אייזיק גאלדבערג אין יידיש, אויך אין נאמען פון זיין פרוי צביה, אלס לאנגיאריקע פריינט פונם נפטר, אנווייזנדיק, ווי אפטמאל זיי זענען זיך צוזאמענגעקומען, האבן זיי געהאט א גייסטיקן גענוס מיט אים צו פארברענגען, בכלל דורך די דיסקוסיעס וועגן יידישע און אלגעמיינע פראבלעמען.

אויך זיין נאנטע פריינטשאפט מיט פרוי גוסטא גייפמאן, וועלכע איז אויך באליבט ביי זיין משפחה, אויך אירע קינדער, סאלאנט פון ישראל,

און איר ברודער דזשאָן גראַס און פאַמיליע, וועלן אים אַלעמאָל צום גוטן געדענקען.

אויך האָט ער גערעדט און נאָמען פון „פריינט פון יידיש לשון", און די „ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס", אָנגעפירט פונעם א. נ. שטענצל, איז ח נ בענקוויטש ע"ה געווען באַטייליקט מיט פאַרלייענען פון דער יידישער ליטעראַטור, אַליין אָפטמאָל געשריבן זכרונות, וועגן זיין געבוירן שטעטל, אויך פונעם אַמאָליקן יידישן ווייטשעפל. דערמאָנענדיק נעמען פון פאַרשידענע כאַראַקטער־טיפּן. ער איז געווען באַליבט ביי אַלע פריינט און חברים פון יידיש לשון און יידישע קולטור.

אחוץ דעם איז ער אויך געווען פאַראינטערעסירט אין דער העברעאי־שער ליטעראַטור, דאָס אַלעם האָט אים גייסטיק געשטאַרקט ביז זיין הויכן עלטער. אַזעלכע מענטשן אַז מען פאַרלירט, איז א גרויסער פאַרלוסט, פאַר דעם יידישן קולטורעלן לעבן באַזונדערס דאָ אין לאָנדאָן־ענגלאַנד. ווו יידיש לשון ווערט נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט . .

זיינע נאָענטע פריינט און חברים, וועלן אים נישט פאַרגעסן.

כבוד זיין אָנדענקען.

## פון דער קאַנאַדער טאָג-צייטונג קענעדער אַדלער

מאָנטרעאַל איז פאַרן לעצטן חידש געווען אונטערן איינדרוק פון מלך ראַוויטש'ס פטירה. אַלע צייטונגען –– ענגלישע און פראַנצויזישע — האָבן געמאָלדן וועגן דער פטירה פון מלך ראַוויטש.

ראַדיאָ און טעלעוויזיע סטאַנציעס האָבן איבערגעגעבן זיין לעבנס־געשיכטע. די יידישע ראַדיאָ־שעה אָנגעפירט פון נחום יוילטשעסקי, האָט געווידמעט א גאַנצן פּראָגראַם פון צוויי שעה דעם אָנדענק פונעם גרויסן נפטר.

דאָס יידישע מאָנטרעאַל און די קולטור־וועלט איבער דער גאַנצער יידישער צעשפּרייטקייט וועלן תמיד געדענקען דעם דיכטער, שרייבער און קולטור־בויער מלך ראַוויטש. זאָל זיין אָנדענק אונז אַלעמען באַפליג־לען און אינספּירירן צו ברייטערע און טיפערע קולטור־טעטיקייטן.





דוד בערמאן

## שלום אויף דער וועלט

יאָ, איך ליב די שיינע זאַכן,
פויגל געזאַנג, פון נאַטור דאָס לאַכן,
פעלדער אין פרילינג פּרעכטיק ווי שיין
צווישן בוימער און בלומען דעמאָלט צו זיין.

זון איבער וועלט און הימל ווי קלאָר,
צניעותדיקע מיידלעך מיט זיידענע האָר,
נאָר מערער פון אַלץ ליב איך דעם שלום —
וועלט און שלום איז שלעכטער חלום!

יאָ, איך ליב די זאַכן די שיינע,
זינגער און מוזיק, לויטער און ריינע,
אַ בשורה אַ גוטע פאַר מיר און פאַר אַלע,
ששון ושמחה, קול חתן און קול כלה.

געלעכטער פון קינדער און ווי זיי זיך שפּילן
און גרייז גרויסע מענטשן מיט זייערע געפילן,
נאָר מערער פון אַלץ די בשורה פון פרידן
פאַר פעלקער און ראַסן און מענטשן דעם מידן!

---

יידישער וועלט־קאָנגרעס (יידישער קאָמיטעט) און פאַריין פון
יידישע זשורנאַליסטן

---

### פ א ר ז א מ ל ו נ ג

**זונטיק, דעם** 27־טן **פעברואַר,** 1977, **פּונקט** 3 אַ זייגער

אין

21, DEAN STREET, LONDON, W.1.

רעדנער:

**דער יידישער מאָלער יוסף הערמאַן**

**„יידישע קינסטלער און יידישע קונסט אין ענגלאַנד“**

„קול רינה“ קאָר: לידער אין עברית און יידיש

פאָרזיצער: **יוסף פרענקעל**

---

איינטריט פריי — קומט אין צייט

# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

456־59 — 38'סטער יאָרגאַנג — פעברואַר־מאַי 1977 — לאָנדאָן

א י נ ה א ל ט

19'טער־אַפּריל. פּסח־און ירושלים־לידער ..... °°° 3
נירענבערג נאָך דרייסיק יאָר ..... שמואל גאָלדשמידט 18
צו דער יאָרצייט פון מיין מאַמען (ליד) ..... פּסח צפנת 21
מען טאָר נישט פאַרגעסן ..... מ. מאָרגנשטערן 22
צום יאָרצייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ מאיר באָגדאַנסקי 23
דער 19'טער אַפּריל 1943 ..... אסתר ערליכמאַן 26
זכרונות בנוגע דעם יום־טוב פּסח. ..... שמעון וויינשטיין 27
שבֿועות ביי די „יאַנג איזראַעל“ (רעפּאָרטאַזש) ..... סעם גאָלדבערג 30
ליד אין פאַרנאַכט (ליד) ..... שיע טענענבוים 33
האָרא, האָרא, נהריה (ליד) ..... דוד בערמאַן 34
אַ מעגדעלע מוכר־ספרים־הויז. ..... אייזיק גאָלדבערג 34
אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס (יידישקייט, „ככל העמים בית ישראל“, „משוגע איש הרוח“, סך־הכל) ..... א. נ. שטענצל 37
נייער יידישער לייען־קרייז פאַר יוגנט אין לאָנדאָן. אַ באַטייליקטער 52
לאָנדאָנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס 3 אַזייגער באָמאָנט גראָוו, א.1.

רעדאַגירט א. נ. שטענצל
פּרייז 15 פּענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס 3 אַזייגער באָמאָנטס גראָוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*